STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12099

TSVEY ERTSEHLUNGEN

Morris Jonah Haimowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-12099-5

D:\YIDDISH\TITLES\9780657120993T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מ. י. חאימאוויטש:

צוויי ערצעהלונגען

1. אין געבורטס-שטעדטעל

2. אין גרויען ליכט

ניו יארק, 1911

מ. י. חאַימאָוויטש:

אין געבורטס-שטעדטיל.

(ערצעהלונג.)

1.

פאַרביי זיינען געשווינד געפלויגען גרינע פעלדער און שוואַרצע וועלדער, און דער אונענדליכער הימעל האָט זיך ווי אַ פאַנאָראַמע געביטען.

אין דרויסען האָט מיט זומער געשמעקט.

געדיכטע שטראָמען לופט, דורכגעברענט פון זונען־שטראַהלען האָבען דער ערד געדריקט. אַ פוילע שלעפעריגקייט און אַ איינטאָניגער וויברירען האָבען אין דער לופט געשוועבט.

דער יונגער סטודענט קאַפלאַן איז אַהיים געפאָהרען.

די גאַנצע וועג פון זיין פאָהרען, האָט ער זיך געפונען אין אַ זעהר אויפגע־רעגטע, אָבער פרייליכע שטימונג: דער געדאַנק אַז ער פאָהרט פאַרברייגען דעם זומער אַהיים אין זיין געבורטס־שטעדטיל, האָט איהם צייטענווייז ווילד פאַר שמחה געמאַכט. זיין הארץ האָט זיך געריסען, און טויזענדע שטורעמדיגע גע־פיהלען האָבען ווי די כוואַליעס פון ים, ביי איהם אין הארצען זיך געשפיעלט. ער איז גאַנצע שטונדען אָפגעשטאַנען אויפ'ן בריקעל פון וואַגאָן, און האָט מיט אונ־געדולד געקוקט פאַר זיך, און ער האָט אפילו ניט בעמערקט די שעהנע לאַנד־שאַפטען, וועלכע דער צוג האָט אָהן רחמנות דורכגעשניטען. אין זיין הארצען האָט פריי זיך פאַנאַנדער געשפיעלט אַ ווילדער, נייגעריגער געפיהל, וועלכער גלייך מיט'ן ווילד־לויפענדען צוג, האָט זיך געריסען צו דער קליין אָרימער געבורט־שטעדטיל.

און אָט פאָהרט ער שוין מיט'ן פוהר פון דער לעצטער סטאַנציע גלייך אין שטעדטיל, און אָט איז שוין באַלד זיין זיסע און ליעבע היים!!

עס האָבען שוין גענומען ארויסוואַקסען די שפיצען פון די קירכען, און די גאַנצע שטעדטיל, ווי אַ געדיכט געפלאָכטענע קייט, האָט ווי אַ לאַנגע גלייכע ליניע איבערגעשניטען דעם בלויען הימעל.

אָבער וואָס נעהענטער ער איז נעקומען צום שטעדטיל אַלץ מעהר אומעדיגער און פערטראַכטער איז ער געוואָרען.

גלייך ווי איצטער וואָלט איהם ערשט קלאָר געוואָרען, אַז ער האָט ניט צו וועמען צו פערפאָהרען אפילו. זיין מוטער איז שוין אויך געשטאָרבען. דאָס הויז איז פערקויפט, און די שוועסטער זיינען זיך צופאָהרען.

א געפיהל פון טרויער און איינזאַמקייט האָט איהם געפּלאָגט, און איהם האָט פערדראָסען וואָס ער איז גאָר געפאָהרען.

אָן עכט זומערדיגער טאָג האָט זיך פונאַנדערגעוויקעלט. די לופט האָט געשמעקט מיט פייכטען זומפּ און טייך. די גאַנצע שטעדטיל האָט פון ווייטען אויסגעזעהען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען פערפלאַנצט אין א ים פון גרינס און בוימער.

איינציגע בעקאַנטע פארבייגעהער האָבען זיך גענומען ווייזען. פאַר זיין קוזיניע איז יעקעל דער שמיעד אונטערגעגאַרטעלט מיט א לעדערנעם פאַרטוך, און מיט א פערשמיערטען פּנים, געשטאַנען און האָט מאַכענדיג ברייט מיט די הענד, גערעדט מיט א פּויער, וועלכער האָט געהאַלטען א פערד פאַר'ן פּאַוואָד. עס איז פארבייגעגאַנגען א אידענע מיט א קאַשיק אייער. עטליכע פויערשע פוהרען שווער בעלאַדען מיט ליימענע טעפּ האָבען פּאַמעלאַך זיך פארבייגעצויגען. ערגעץ־וואו האָבען הינט געבילט. — דער אָפּקלאַנג פון האַמערס האָט אין דער לופט גע־ציטערט, און דאָס רוישען פון אַן אַראָפּפאַלענדען וואַסער האָט זיך אַלץ מעהר פערשטאַרקט.

נעבען מילטייך האָבען זיך קליינע באָרפעסע קינדער געשפּיעלט.

אויפ'ן הארצען איז איהם א ביסעל פרייער געוואָרען, די היימישע לופט האָט איהם אָבגעפרישט און ער האָט דעם בעל העגלה בעפוילען אַז ער זאָל איהם פארפיהרען צו ר' אהרן דעם וואַלדהענדלער.

דער בעל העגלה האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען א שעהן געבויטע הויז, פון פאָרענט מיט א גלעזערנעם גאַנאָק.

אויפ'ן גאַנאָק איז זיך אין פרייער האַלטונג געשטאַנען א יונגער מאַן מיטביידע הענט אין די הויזען־טאַשען און האָט פאַר זיך געקוקט גלאָט אין דער וועלט אריין, ניט בעמערקענדיג אפילו די פוהר מיט דער בויד, וואָס האָט זיך גענומען אָפּשטעלען, הארט נעבען גאַנאָק.

דער סטודענט איז לייכט און גראַציעז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגען, און איז מיט א רוהיגען שמייכעל באַלד געשטאַנען פאַר דעם יונגען מאַן.

דער יונגער מאַן האָט אין דעם ערשטען אויגענבליק זיך ניט געכאַפּט, און האָט איהם אָנגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס וועלען דערמאָנען. אָבער באַלד האָט ער איבערראַשט און צופריעדען אויסגערופען :

— חיים !

— יע, ברודער, דאָס בין איך, חיים...

ביידע יונגע לייט האָבען זיך ארומגענומען און האָבען זיך ברידערליך צוקושט.

—אַך, ברודער, ווי איך בין צופריעדען, — האָט דער יונגער מאַן גערעדט קוקענדיג דעם סטודענט מיט ליעבע גלייך אין די אויגען... אָבער צום טייפעל, גאַר פּלוצלונג!...

און ער האָט זיך פריילאַך מיט א געזונטען געלעכטער פאַנאַנדערגעלאַכט.

— גאַר פּלוצלונג — האָט דער סטודענט איבערגערעדט און האָט אויך געלאַכט. — נו, וואָס מאַכסטו, בעריל ? — האָט ער איהם ארומנעמענדיג נאָך אמאָל, געפרעגט.

— גאַר נישט... וואָס מאַכסטו? — האָט בעריל אייליג גערעדט און זיך אומגעקוקט... וואַרט, וואַרט. די מאַמע דאַרף דאָ זיין אין הויף... זי וועט זיך דערפרעהען... מאַמע ! מאַמע !

פון הויף איז ארויסגעקומען א מיטעליעהריגע פרוי מיט נאָך א שעהנעם גוטמוטיגען פּנים, אָנגעטהאָן איינפאַך און ריין.

דערזעהענדיג דעם פרעמדען יונגען מאַן, האָט זי איהם אביסעל אָנגעקוקט און איהר פּנים איז ליכטיג געוואָרען.

—נאַ דיר, צַט איז ער חיימ׳קע ! — האָט זי צוגעהענדיג פריילאַך אויסגערופען, און האָט איהם ארומגענומען. — זאָל איך אזוי לעבען, — אַך, דו שטיפער !...

חיים האָט איהר א קוש געטהאָן אין שטערען און האָט פריילאַך געזאָגט :

—אַך, ליעבע מומע, איהר זייט די זעלבע ווי געוועזען, — מיר דוכט זיך אז איהר זייט נאָך אינגערער געוואָרען...

— דו לאַכסט שוין פון מיר, — האָט די מומע באַשע צופריעדען גערעדט, — אַך, דו שטיפער, דו וועסט נאָך צייט האָבען פון מיר צו לאַכען... דערווייל קום אין הויז אריין...

זיי זיינען אריין אין הויז.

— רחל, רחל ! — האָט די מומע באַשע אימעצען גערופען.

ערשט האָט זיך חיים דערמאָנט אָן רחל׳ען. רחל איז געוועזען נאָך א קינד ווען ער איז אוועקגעפאָהרען.

זי מוז שוין זיין אַ היבשע מויד" —האָט ער אַ טראַכט געטהון און עס איז איהם דערפון געוואָרען אַזוי ווייך און וואַרים.

אַ שעהנע בלאָנדע מיידעל מיט קלוגע און ליכטיגע אויגען איז לאַנגזאַם פון אַ צווייטען צימער אַרוים און האָט זיי אָנגעקוקט. איהר קוק האָט געפרעגט:

— וואָס איז דאָ אַזוינס געשעהען?..

—וואַרט, וואַרט, — האָט די מומע באַשע גערעדט אין דער שטיל. — זאָג איהר גאָרנישט ניט. און צו דער טאָכטער זיך ווענדענדיג האָט זי שמייכלענדיג געפרעגט:

— דערקענסטו איהם, דעם חברה מאַן?

רחל האָט אויפגעהויבען די אויגען, געקוקט אויף איהם לאַנג, גלייך ווי זי וואָלט זיך וועלען בענוטצען מיט דער ערלויבעניש איהם אָנצוקוקען, און אין איין גאַנג איהם אַזוי צו בעטראַכטען אַלס אַ גאַנץ שעהנעם יונגען מאַן.

—נו, נו, — האָט די מוטער געאיילט, זעהענדיג ווי עס פערציהט זיך איהר בעטראַכטען איהם. — נו, נו, דערקענסטו איהם ניט, דעם חברה מאַן, וואָס האָט אַמאָל אונזער בוים מיט די יונגע מאַלאַגראַדקעס אין גאַנצען אָרומגעקליבען, איידער מיר האָבען נאָך צייט געהאַט צו מאַכען שהיינו?...

— איצטער ווייס איך ווער ער איז, — האָט רחל געשמייכעלט און איהר האַנד איהם געגעבען.

חיים האָט געדריקט איהר קליינע און ווייכע האַנד, און עס האָט זיך איהם געלוסט איהר אַרומצונעהמען.

בעריל האָט באַלד אָבגעפיהרט חיים'ען אין זיין צימער, ער זאָל זיך איינוואַשען און איבערטהון, און פון זאַל האָט זיך באַלד געהערט די טענער פון פיאַנאָ.

— דאָס שפּיעלט רחל? — האָט חיים בערלען געפרעגט.

— יע, דאָס צימבעלט זי...

— זי שפּיעלט ניט שלעכט...

— וואו איז איצטער דער טאַטע? — האָט ער מיט אַמאָל געפרעגט.

— אין וואַלד, אַזוי ווי אַלעמאָל אין דער צייט.

און חיים האָט זיך גענומען אויסטהון.

.2

דאָס פענסטער פון צימער איז געוועזען אָפען, און איז אַרוים אין סאַד. פרישע שמעקעדיגע לופט האָט שטרוימענגווייז פון דרויסען אינ'ם צימער געשפּאַרט.

חיים און בעריל, האַלב אויסגעטהונענע, זיינען געזעסען אויפ'ן ראַם פון פענסטער איינע אַקעגען די אַנדערע און האָבען געפּלוידערט.

אין זאַל האָט רחל פּיאַנאָ געשפּיעלט, אַ שוואַכע טענאָר שטימע האָט פאַלש נאַכגעזונגען.

— ווער זינגט דאָס? — האָט חיים געפרעגט.

— אַ, דער פּריוויזאָר, דער אידיאָט...

חיים האָט געשוויגען.

— ווייסט ניט, בעריל, — האָט חיים מיט אַמאָל אַ פרעג געטהון, — וואו איז היינט סאָפיע גרינבוים? לעבט זי נאָך?... האָט זי שוין אפשר חתונה געהאַט?..

— אַ, סאָפיע! — האָט בעריל פריילאַך אַ זאָג געטהון, — זי לעבט אָבער זי האָט שוין חתונה געהאַט.

— חתונה געהאַט? צום טייפעל!...

און חיים האָט אַ פייף אויסגעצויגען.

— וואו איז זי איצטער?

— איצטער איז זי גראַד היע, אַזוי וויינט זי אין גובערניע... אפשר דיין מזל...

און בעריל האָט געשמייכעלט.

חיים האָט געשוויגען. ער האָט זיך פארקוקט אין די דונקעלהייט פון סאַד און האָט פאַר זיך גענומען פייפען.

פאַר'ן הויז זיינען די בוימער אין געדיכטע שורות געשטאַנען, און עס האָט זייערע שפּיצען אַ זילבער־ליכט איבערגעצויגען. נידעריגער האָבען זיי זיך אין אַ שוואַרצער מאַסע צונויפגעגאָסען. דער הינטער־גרונד פון הימעל איז געווען מיט שוואַכע שאָטענס פערוועבט, און עס האָט זיך געפיהלט אַז ערגעץ, אַ ביסעל ווייטער אויפ'ן הימעל, שיינט העל די לבנה.

חיים האָט פאַר זיך געקוקט און האָט פון גאַרנישט בעשטימטעס געטראַכט. ביי איהם אין הארצען האָט אַלץ אַזוי ווי געדרימעלט, קיין געפיהל ניט קלאָר געוועזען, גלייך ווי אין אַ חלום. טיעפער בעגעהר האָט זיך פון זיך אַליין אין אַ לירישע ליעד געשפּינט.

ער האָט מיט דער פולער ברוסט איינגעאָטעמט די פרישע לופט, און געפיהלט מיט'ן גאַנצען הארצען דעם יום טוב פון לעבען. אָבער אַזוי ווי אין יעדען מאָל האָט אַ ווייכער טרויער פערשלייערט דער שעהנער זומער־נאַכט, און עס נאָך כשופ'דיגער געמאַכט.

פון זאַל, האָבען די פּיאַנאָ־טענער אַלץ פרייער איינע נאָך די אַנדערע גע־

פאַלגט און זיך גראַציעז געפלאָכטען און האָבען געקלונגען אזוי בעליעבט און ווייך, אז עס האָט זיך עפּעס דערמאָהנט אָן פער״כשופ׳טע לאַנדשאַפטען, און צויבער קלאַנגען, וואָס גיסען זיך פון אונבעוואוסטע ערטער און אינסטרומענטען.

בעריל האָט גערעדט :

— זעהר א שעהנע נאַכט איז היינט אין דרויסען... און די נאַכט דערמאָנט מיר, חיים, אָן זעהר פיעלעס... געדענקסטו, חיים, אמאָליגע ווייסע נעכט, ווי מיר פלעגען זיי דאמאלט רופען... געדענקסטו חיים אז אין אזעלכע נעכט פלעגען מיר זיך גאָר שלאָפען ניט לייגען?... אַך, ברודער, ווי מיר ווערען דאָס עלטער!...

חיים האָט איהם כמעט ווי ניט געהערט. זיין קול האָט איהם איצטער זעהר שלעכט געקלונגען, גלייך ווי ער וואָלט צושטערט זיין גלייכגעוויכט.

און געקוקט האָט ער לאַנג. געריינבערט א פּאַפּיראָס נאָך א פּאַפּיראָס. צום סוף איז ער געוואָרען אויפגערעגט.

ס׳האָט זיך איהם איצטער געוואָלט טהון אזעלכעס וואָס זאָל קלינגען ווי ארויסרופענד, ווי אונגעוויינליך. ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון פענסטער אין סאָד.

— בעריל, נעהם דיין רעקיל, און שפּרינג אריין נאָך מיר, — האָט ער אויפגערעגט געזאָגט, — קום לאָמיר זיך אביסעל דורכגעהן. — דו ווייסט אז רחל׳ס שפּיעלען ווירקט אויף מיר שלעכט — קום...

בעריל האָט א חאַפּ געטהון זייערע רעקלאָך און איז איהם נאָכגעשפּרונגען. ביידע חברים זיינען אריין טיעפער אין סאָד, האָבען אויפגעעפענט די טיהר׳ל און זיינען ארויס אין אָפענעם דרויסען.

די נאַכט איז געוועזען א זילבער־ווייסע.

קאַלטע מאַגנעטישע ליכט איז געפאַלען אויף די דעכער און אויף די שטייער פון ברוק, וואָס האָבען זיך איינציגווייז ווי פּעריל געציילט. די שאָטענס פון די הייזער האָבען ווי אין גרויסע שווארצע פלעקען די גאַס ערטערווייז איבערגעצויגען.

זייערע שאָטענס, לאַנגע, אויסגעצויגענע, האָבען זיך פּאַראויס געצויגען א ביסעל אין דער קרים, און זיינען דאָ פערפאַלען געוואָרען אין די געדיכטע שאָטענפלעקען פון די הייזער, און דאָ צוריק ארויפגעשוואומען אין דער זילבער־ליכט פון דער פולער לבנה.

זיי זיינען געגאַנגען אונטער׳ן שטאָדט.

ליניען שווארצער וואלד, א מעכטיגער אלטער שלאָס, זיינען אויסגעוואַקסען אויפ׳ן גרונד פון הימעל. קאַלטע, שימערירענדיגע ליכט איז געפאַלען און געפאַלען.

בעריל האָט גערעדט :

— אומעדיג, ברודער... זעהסט, ווי טוידט אַלץ איז... עס איז שוין קיין איינציגען מענשען ניט צו זעהען, און דאָך איז נאָך ניט אַזוי שפּעט... אַ טוידטע שטעדטיל. אַלע אונזעריגע זיינען זיך צופאָהרען... איך וואָלט אויך ווע͏לען אוועק־פאָהרען, — נור די מאַמע לאָזט ניט.

— צו וואָס איז דער פאָהרען ? — האָט חיים זיך אַ זאָג געטהון, ניט האַ־בענדיג אין זינען מיט איהם איצטער אין אַ שמועס פערקריכען.

— וואָס טהוט מען אָבער דאָ אין אַזאַ טוידטע שטעטיל ?... אומעדיג, אומעדיג ברודער...

חיים האָט עפּעס אַ בורטשע געטהון, און זיי זיינען ווייטער געגאַנגען.

ער איז מיט אַמאָל געוואָרען אונרוהיג, גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַר וואָס גע־שראָקען, און האָט העפטיג אַ זאָג געטהון:

— רייס זיך ניט, ברודער, אין דער אָפענער וועלט... די גרויסע וועלט איז נור שעהן ביי די פּראָווינציאַלען, — אָבער אין דער אמת'ן... ער האָט זיך אָבגע־האַקט.

זיי זיינען געווען ניט ווייט פון דעם אַלטען שלאָס.

די שאָטענס פון די טורעמס האָבען זיך איבער דער טונקעלער ערד ווי שלאָ־פענדיגע ריעזען אויסגעצויגען. טיעפע שטילקייט.

שווארצע, פאַרמלאָזע לעכער האָבען פון די ווענד און פון די טורעמס ווי די אויגען פון אַ סקעלעט ארויסגעקוקט, און עס האָט זיך געדאַכט אַז די קאַלטע שרעק האָט דאָרטען אַ נעסט געמאַכט, און ביי דעם קלענסטען שאָרך, וועט עפּעס אַ שווארצע געפליגעלטע קאָמפּאַניע פון דאָרט ווילד ארויסברעכען.

חיים האָט געפרעגט :

— פיהרען זיך נאָך היינט אין די טורעמס טייבעלעך ווי אַמאָל ?

— איך ווייס ניט, שוין לאַנג דאָ ניט געוועזען.

חיים האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אין די שווארצע לעכער. אַ געפיהל פון אונ־בעשטימטען שרעק האָט איהם, ווי אין אַ שלייער, איינגעוויקעלט, זיינע נערוועז זיינען געוואָרען אָנגעצויגען, און אין דער זעלבער צייט האָט איהם אַזוי ווי גע־צויגען אַהין צו דאָס אונבעוואוסטע, צו דאָס קאַלטע.

בעריל האָט איהם געפרעגט :

— חיים, ביסטו אַמאָל שוין ערנסט געווען פערליעבט ?

— אַנטקעגען וואָס פרעגסטו דאָס ?

— אַזוי, איך וואָלט וועלען וויסען.

— ניין, איך בין נאָך קיינמאָל פערליעבט ניט געוועזען.

— איז דאָס מעגליך?...

חיים האָט אַ ציה געטהון די אַקסלען.

— מיר דוכט זיך אַז דו ביזט פערליעבט.

— דו ביזט אַ נאַר, בעריל.

ער האָט זיך טרוקען פאַנאַנדערגעלאַכט.

בעריל האָט איהם מאָדנע אָנגעקוקט.

חיים האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטהון:

— לאָמיר געהן שלאָפען... עס איז שוין שפּעט...

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט.

אויפ'ן וועג צוריק איז חיים געוואָרען פרעהליכער. ער האָט געשפּאַסט און האָט דערצעהלט בערלען אייניגע פּיקאַנטנע געשיכטען, פון וועלכע בעריל האָט מיט'ן פולען מויל און ברוסט געלאַכט.

אין שטוב זיינען שוין אַלע געשלאָפען. די לבנה האָט זיך געשפּיגעלט אין די שוואַרצע שויבען.

זיי זיינען צוריק אריין אין הויז דורכ'ן פענסטער, און יעדערער איז צו זיין בעט געגאַנגען.

חיים האָט ניט געקענט איינשלאָפען. ער האָט זיך געקייקעלט פון איין זייט אויפ'ן צווייטען. ס'איז איהם געוועזען הייס. אין זיין קאָפּ האָבען די געדאַנקען זיך געפּלאָנטערט. האַלבע, אָפּגעריסענע פראַזען האָבען זיך אויף זיין צונג און אין זיינע געדאַנקען געדרעהט. און ס'האָט זיך איהם געדוכט, גלייך ווי אימעצער וואָלט דאָס אָנשטאָט איהם זיי שאַרף אויסריידען. דעם זינן פון די אָפּגעהאַקטע פראַזען האָט ער ניט בעגרייפען, און ער האָט זיך געוואונדערט, פאַר וואָס עס קלערט זיך איהם גאָר פון אַזעלכע ווייטע און נאַרישע זאַכען.

פון דער פינסטערניש זיינען משונה'דיגע, אַזוי ווי קאַריקאַטורען, שוואַרצע סילועטען ארויסגעוואַקסען און האָבען פערשיידענע גראָטעסקע גרימאַסען געשניטען. זיי זיינען ווי אין אַ פּראָצעסיאָן פאַרביי איהם נאָכאַנאַנד זיך געצויגען, און גע־טראַכט האָט זיך איהם פון אַזעלכע פרעמדע און זייטיגע זאַכען.

ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויפ'ן צווייטען.

3

שעהנע יוגענדס טעג, זילבערנע זומער נעכט. — די גרויע צייטיגע טעג און נעכט בענקען נאָך איך, זיי גערען נאָך אייער אטעם, נאָך אייער ווינטען־בלאָז, זיי ציהען זיך צו דער יונגינקער גרינער פעלד, וואו אויף יעדער טראָט, האָבען זיי, א שטונדע נאָך אַ שטונדע, א טאָג נאָך אַ טאָג, א יאָהר נאָך אַ יאָהר, הינטער זיך געלאָזען.

דעם גאַנצען באַלאַסט האָבען זיי פון זיך געוואָרפען, — און גרינג ווי פעדערען, וואקלען זיי זיך אויף זייער וועג. —

— אָ, איהר שעהנע טעג און נעכט: — יוגענד און היים!

חיים האָט זיך פרעמד געפיהלט, און אַלץ איז איהם פרעמד פאָרגעקומען. און איהם האָט פערדראָסען, וואָס ער איז גאָר געפאָהרען. די קליינע רייזע האָט איהם געמאַכט צו פיהלען, גלייך ווי ער וואָלט אַ געוואגטען טראָט אין לעבען געמאַכט. און ס'האָט זיך איהם אַלץ געדאַכט, אז דער געוויינליכער גאַנג פון זיין לעבען איז מיט אמאָל איבערגעריסען געוואָרען.

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט אַ רעגען געגאָסען. וואָלקענס גרויע האָבען דעם הימעל פארדעקט. חיים האָט פון הויז ניט געקענט ארויסגעהן.

אין הויז איז איהם געווען ענג. חאָטש די מומע באַשע און בעריל האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט איהם, אזוי פיעל האָבען זיי איהם מיט אמת'ע ווארימקייט ארומגערינגעלט.

גלייך ווי די מומע באַשע איז פארטיג געוואָרען מיט דער קיך, אָדער מיט'ן צוקלייבען דאָס הויז, אזוי גלייך האָט זי זיך צוגעזעצט צו חיים'ען און איהם באַלד געגומען וואָס דערצעהלען.

אויף אזא אופן האָט ער זיך פון איהר דערוואוסט אז אין רחל'ען איז דער דאָקטאָר פון שטעטעל פארליעבט, או עס איז מעהר ווי זיכער אז אין גיכען וועט זיך אַ שדוך שליסען. און נאָך שטעדטעלדיגע נייעס האָט זי איהם דערצעהלט, וואָרום פון אַלץ און פון אלעמען האָט די מומע באַשע געוואוסט. אלעמענס ביטערע הערצער און וואָס אין שטעדטעל איז פערלאָפען, האָט זי פון אַלץ באַלד געוואוסט און אין אַלץ אַ ווארימען אנטהייל גענומען.

איינמאָל האָט די מומע באַשע, אויף איהר שטייגער, געשילדערט די לעצטע מינוטען פון זיין מוטער'ס לעבען.

הערענדיג דאָס, זיינען חיים'ס נערווען געוואָרען ווי סטרונעס אָנגעצויגען, אַ שוידער איז אריבער זיין לייב.

די מומע באַשע האָט גערעדט:

— איינע אַליין, פערלאָזען, האָט זי זיך געלעבט. געוואָהנט אין אַ בעזונדער־רען אַלקער ביי נחמיה דעם סטאָליער. די שטוב, ווייסט דאָך, האָט מען דאָך פער־קויפט, מען האָט דאָך דער לעצטער טאָכטער התונה געדאַרפט מאַכען. איז איהר געבליבען אַביסעל געלד, אָט האָט זי זיך געלעבט... אָבער היינטיגען ווינטער האָט זי זיך שטאַרק פערקיהלט. פון אָנהויב האָבען מיר אַלע געמיינט אז דאָס וועט איבערגעהן, מאַלע וואָס אַ מענש פערקיהלט זיך, — אָבער דער דאָקטאָר האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַזוי ווי איינער זאָגט: — גאָט ווייס... נו, אָט האָב איך פון איהר בעט ניט אָבגעטראָטען, אמשטיינס געזאָגט, די גרויסע משפּחה וואָס מיר האָבען דאָ...

דער מומע באַשעס געזיכט האָט זיך פערפינסטערט, די אויגען איהרע זיינען פייכט געוואָרען.

— און ווי פיעל מאָל זי האָט דאָס אויף דיר אָנגעפרעגט, — האָט זי ווייטער גערעדט. — אָט זיץ איך דאָ נעבען איהר בעטעל און זי פרעגט מיך:

— באַשע, האָסטו אָנגעשריבען מיין חיים'ען אַ בריוועל?

— יע, שאָקעל איך מיט'ן קאָפּ, און זאָג באַלד צו איהר אַביסעל פרייליכער, אַז ביז וואַנען ער וועט דעם בריוועל בעקומען, וועט זי שוין געזונד זיין... אָבער זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: מיט מיר איז שוין אַלץ פערביי. און האָט דערביי מיר געבעטען, אַז טאָמער וועט זי שטאַרבען זאָל מען גלייך דיר געבען אַ טעלעגראַמע, כדי דו זאָלסט קענען דעם ערשטען קדיש זאָגען....

די מומע באַשע האָט זיך דאָ אָבגעשטעלט און האָט מיט'ן טיכעל אויסגעווישט די פייכטע אויגען.

חיים האָט געשוויגען. ער האָט געפיהלט אַז ווען ער וועט וואָס זאָגען, וועט ער פיעלייכט אָנהויבען צו וויינען.

— און זאָגסטו אַמאָל קדיש? — האָט איהם די מומע באַשע פּלוצלינג אַ פרעג געטהון.

ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— אַן עולה, אַן עולה, — האָט די מומע באַשע גערעדט און דערביי געשאָ־קעלט מיט'ן קאָפּ, — די צייט וואָס דו ביזט דאָ, קענסטו דאָך אַמאָל אַ קדיש זאָגען, — האָט זי דערנאָך צוגעגעבען און האָט איהם שאַרף אָנגעקוקט.

— איך וועל זעהען, איך וועל זעהען מומע, — האָט ער געזאָגט אין אַזאַ טאָן, וועלכער האָט אַזוי ווי גערעדט:

— זאָל שוין זיין געגוג דערפון...

און וואָס מעהר חיים האָט זיך איינגעלעבט אין דער היימישער לופט און גייסט פון די קליינשטעטעלדיגע אינטערעסען, אַלץ מעהר אייגנער האָט ער זיך געפיהלט, און עס איז איהם געוועזען אויפ'ן הארצען גלייך ווי ער וואָלט זיך אין אַ פרעמדען לעבען אריינגעריסען — שוין אָפּגעוויינט פון דעם אַלץ....

* * *

חיים און רחל זיינען אַליין געווען אין הויז. קיינער פון די שטוביגע איז גראָד ניט געוועזען. רחל איז געזעסען אויפ'ן קאַנאַפּע האַלב אָנגעלעהנט אָן וועגטיל. חיים איז געזעסען ביי דעם אַנדער ווינקעל פון קאַנאַפּע. זייערע פּיס האָבען זיך לייכט געקענט בעריהרען.

די פענסטער זיינען געווען אָפען, און פון גאַס האָט זיך אריינגעטראָגען אַ לייכטער קיהלער און שמעקעדיגער ווינטיל, וואָס קומט אָפט נאָך אַ זומער־רעגען. די דינגעוועבטע פאָרהאַנגען האָבען זיך בעוועגט און הויך זיך אויפגעהויבען און האָבען אָנגעמאַכט אַ שטילען גערויש.

חיים האָט זיך גוט געפיהלט און ער האָט פריילאָך געפּלוידערט.

— פינף יאָהר אין דער היים ניט געוועזען, — האָט ער גערעדט, — און אַלץ האָט זיך פאַרענדערשט און איבערגעביטען פאַר דער קורצער צייט אויף אַ פערטעל יאָהרהונדערט... און דו אויך רחל! — אָך, ווי דו ביזט אויסגעוואַקסען!.. איך וואָלט דיר ניט דערקענט.... גאָר אַן אַנדערע!..

רחל האָט געשמייכעלט

— איז דאָס אמת, רחל, וואָס בערי'ל האָט מיר וועגען דיר דערצעהלט? — האָט חיים מיט אַ הייטערן טאָן גערעדט, — ער האָט מיר דערצעהלט אַז דו ביזט געוואָרען אַ פייערדיגע רעוואָלוציאָנערין מיט גאָר אַ בעזונדער וועלטאַנשויאונג....

רחל האָט אויף איהם געשטעלט איהרע צוויי גרויסע אויגען, גלייך ווי זי וואָלט איהם מיט זיי גוט וועלען דורכנעהמען, אום צו וויסען אויף וויפיעל זיין שפּאַסהאַפטער טאָן קען ווייטער געהען.

חיים האָט געפיהלט איהר קוק, און ער האָט אָבער ווייטער גערעדט אין דעם זעלבען טאָן:

— אָך, רחל, ווי די יאָהרען פליהען!... ניט לאַנג, ניט לאַנג ביזטו, דאַכט זיך, אַ קינד געוועזען, — אָך, אָבער ווי שעהן דו קוקסט איצטער אויס... קום נעהנטער צו מיר, רחק'ע.

רחל האָט אויף איהם גלייך געקוקט און פריינדליך געשמייכעלט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, געבראַכט איהר לייכטע זומער־קלייד אין אָרד־נונג, און איז צו איהם צוגעגאַנגען.

— אָט בין איך, — האָט זי געזאָגט מיט אַ קינדערישע מינע, — נו וואָס ווילסטו?....

ער האָט איהר אָנגענומען פאַרביידע הענד, זיי שטייף געדריקט און האָט איהר נעהנטער צוגעצויגען צו זיך און אַ קוש געטהון אין איהרע פולע ליפען.

רחל האָט זיך פערשעמט. זי איז אין גאַנצען רויט געוואָרען, אָבער זי האָט זיך געכאַפּט און שמייכלענדיג געזאָגט:

— אַ, יע, דו קושט דאָך מיר ניט ווי אַ געליעבטער. — אַ געליעבטען וואָלט איך זיך קושען ניט געלאָזט.

— ניין, ניין, — האָט ער געשטאַמעלט, און ער האָט דערביי דערפיהלט אַ שטאַרקען וועהטאָג.

זי האָט זיך געשטעלט האַרט נעבען זיינע קניע, אַזוי ווי אַ קליין קינד, און האָט איהם אַרומגענומען ווי אַ קלענערע שוועסטער אַ גרעסערען ברודער.

— דו ביזט אַמאָל געווען אַ שעהנערער, — האָט זי פרעהלאַך גערעדט און האָט אַריינגעטהון איהר שמאָלע, ווייסע האַנד אין זיינע ברוינע האָר. — זעהסט! דיינע האָר ווערען שיטערער, זיי געהען אויס. — אָט האָסטו אַ גאַנצען הויפען! — האָט זי געזאָגט, בעטראַכטענדיג די האָר וואָס האָבען צווישען איהרע פינגער אַרויסגעשטעקט.

חיים'ס געזיכט האָט זיך פערחמאַרעט.

— יע, רחל, מיר ווערען עלטער, — האָט ער געצוואונגען געשמייכעלט.

רחל האָט איהם אָבגעלאָזען און האָט זיך אַ דרעה געטהון איבער'ן הויז, און האָט פרייליך אויסגערופען:

— הע, חיים, דו ביזט פערליעבט!... שעהם זיך....

חיים האָט לייכט אַ ציטער געטהאָן. ער האָט אָבער באַלד זיך געכאַפּט און שפּאַסהאַפטיג געזאָגט:

— יע, יע רחל, איך בין אייביג פערליעבט.

רחל האָט זיך פּלוצלונג אַ זעץ געטהאָן פאַר דער פּיאַנאָ און גיך איבער־געלאָפען מיט די פינגער איבער דיביינדלאַך.

אַן אַקאָרד פון טענער פון אַלערליי פאַרבען האָט אין שטורמישען לויף זיך אויפגעהויבען, און אויף אַ מינוט אָנגעפילט דעם גאַנצען צימער.

און פלינק האָט זי זיך אויפגעהויבען, און ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט איז זי פון צימער ארויסגעלאָפען.

חיים האָט איהר נאָכגעקוקט און איז געבליבען זיצען ווי פערגליווערט, קיין מוסקול האָט זיך ביי איהם ניט א ריהר געטהון.

ער איז אזוי געזעסען ביי א פערטעל שטונדע, און ער האָט ניט געפיהלט ווי די צייט איז אוועק. דערנאָך האָט ער זיך אזוי ווי פון שלאָף אויפגעכאפט און איז ארויס אין דרויסען.

.4

נאָך א הייסען זומער־טאָג האָט זיך צו־נאכט אָנגעקליבען שווערע און גרויזאמע וואָלקענס, און זיינען ווילד און ברוגז געבליבען הענגען איבער'ן הימעל. די לופט איז געווען פייכט און מיט שוועבעל אָנגעזאפט. א ווינד האָט זיך אויפגעהויבען און האָט דעם זאמד פון די גאסען אין דער הויך, גאנצע וואָלקענס, געטראָגען.

ווייט צום ברעג הימעל האָט אַן עלעקטרישער זיג־זאַג, ווי א שלאַנג זיך א שליידער געטהון, און האָט אויף אַן אויגענבליק בעלויכטען דעם שווארצען קערפער פון הימעל, — א שוואכער וויברירען פון א דונער האָט אין דער לופט געציטערט.

חיים און בעריל זיינען אויפ'ן גאַנעק געזעסען. זיי האָבען זיך נור וואָס צו־ריקגעקעהרט פון שפאציער.

— עס וועט באַלד א גאָס טהאָן א רעגען, — האָט בעריל געזאָגט, און ער האָט זיך נאָך אַלע זייטען ארומגעקוקט. — לאָמיר אריין אין הויז.

— ווער איז אין הויז פאראַן?

— איך ווייס ניט. איך וועל געהן א קוק טהון.

בעריל האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט און האָט פרעהליך אויסגערופען:

— אך, דאָרטען איז דאָך גאַנץ לעבעדיג.... דער דאָקטאָר, דער פראָוויזאָר, רחל, סאָפיע און אַניוטע — קום!...

חיים האָט זיך אויפגעהויבען און איז, אזוי ווי ניט ווילענדיג, נאָך איהם נאָכ־געגאַנגען.

אין זאַל איז געווען האַלב־דונקעל. א הייגגלאָמפ מיט א פּאַרפּאָרנעם אַבאַזשור האָט שוואכען ליכט ארום זיך אין א צירקעל פארשפּרייט. די ווענד ארום זיינען געדיכט אין שאַטענס געלעגען. — א ווינט האָט ארומגעשפּאצירט איבער'ן זאַל.

א צו־וואָרפענער לוסטיגער שמועס איז אין זאַל אָנגעגאַנגען. עס האָבען די יונגע מיידלאַך הארציג געלאַכט. — דער פּראָוויזאָר האָט גערערט.

חיים האָט זיך מיט אַלעמען געגריסט.

אַנגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען אָן דער שוואַרץ־פּאָלירטער ברעט פון פּיאַנאָ, איז דער דאָקטאָר געזעסען פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס מיט'ן געזיכט געווענדט צו די דריי לאַבענדע מיידלאַך וואָס זיינען האַלב־אויסגעלייגט, אָנגעשפּאַרענדיג זיך איינע אויף די אַנדערע, אויפ'ן קאַנאַפּע געזעסען.

נעבען קאַנאַפּע צום ווינקעל איז דער פּראָוויזאָר געזעסען אָנגעגויגט אויף פּאַרענט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס פערטרויליכעס ערצעהלט, און האָט נאָכאַנאַנד געדויכערט.

סאָפיע, אַ שוואַרץ־חנ'עוודיגע, מיט גיכע בעוועגונגען און מיט גלאַט פאַר־קאַמטע שוואַרצע האָר, האָט פרייליך ביי זייער אריינגעהן אויסגערופען:

— גוט וואָס איהר זייט געקומען!... מיר לאַנגווייליגען זיך דאָ... און זיך ווענדענדיג צו חיים'ען, האָט זי פריי געזאָגט: — איהר זעצט זיך נעבען מיר — אַלטע בעקאַנטע.

חיים האָט געשמייכעלט:

— צו יעדער צייט — נור וואו פאַרט זאָל איך זיך נעבען אייך זעצען?...

— איהר זייט גערעכט.

סאָפיע איז אויפגעשפּרונגען און האָט צוגערוקט אַ שטול, און זי האָט לויפיג גערעדט:

— איצטער רוקט איהר צו נאָך אַ שטול — און מיר זיצען!...

חיים האָט צוגערוקט אַ שטול און האָט זיך געזעצט אין גאַנצען געווענדט צו איהר.

— אָט אזוי, אָט אזוי!....

חיים האָט פערדויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט זיך גוט ארומגעקוקט מיט דער מינע פון אַ מענשען. וועלכער האָט שוין דעם שווערסטען טהייל פון זיין אונטער־נעהמונג דורכגעמאַכט, און איצטער האָט אַ רעכט זיך ארומצוקוקען. זיין קוק האָט זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר — אַ שעהנער ברונעט מיט אַ הויכען ווייסען שטערען, שאַרף געשניטענע געזיכטסציגע און קלוגע אויגען. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטען גלייך און פריי, און אַ נאַכלעסיגע אונגעצוואונגענקייט האָט זיך געפיהלט אין זיין גאַנ־צען האַלטען.

חיים האָט קלאָר ניט געוואוסט פאַר וואָס עס פאַלט שטענדיג זיין קוק אויפ'ן דאָקטאָר'ס שעהנעם קאָפּ און פיגור. אָבער ער האָט געפיהלט אַ געוויסע קנאה צו

זיין מענערשע שעהנקייט, און ער האָט זיך שטענדיג אין דאָקטאָר'ס אנוועזענהייט געפיהלט אזוי ווי נידערגעשלאָגען.

בעריל האָט זיך געזעצט נעבען אַניוטאַ'ן — אַ בלאָנדע, מיט אַ קרענקליכען אויסזעהען.

—נו, נו, הויבט אָן, — האָט אַניוטאַ דעם פּראָוויזאָר געבעטען, וועלכער האָט זיך איצטער אויפגעהויבען און איז זיך דורכגעגאנגען אַ פּאָר מאָל איבער'ן זאַל, און האָט געמאַכט אַ פּערזוך צו נעהמען אַ פּאָר נאָטען פון אַ בעקאַנטע אריע.

דער פּראָוויזאָר האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט אָנגענומען אַ פּאָזע פון אַ זינגער, און האָט מיט זיין שוואכע טענאָר־שטימע אויסגעדריקט די פּראַזע, וואָס עס האָט איהם, ווי עס ווייזט אויס, פון אַ היבשע ווילע געעגבערט.

— אך, ווען איהר הערט דאָס באַטעסטיני'ן, — האָט ער בעגייסטערט גערעדט, — עס איז משוגע צו ווערען !...

— קיין וואונדער, — האָט זיך סאָפיע געכאַפּט, — און איהר האָט דאָך באַ־טיסטיני'ן פיעל מאָל געהערט ! ?...

— אַך, באַטיסטיני, באַטיסטיני ! — האָט ער מיט אַ טראַגישען טאָן גע־זאָגט, אין וועלכען עס איז געלעגען אַ בענקשאַפט, גלייך ווי ער וואָלט וועלען זאָגען : — וואו נעהמט מען דיר איצטער ?

באַלד האָט דער פּראָוויזאָר דערצעהלט אַן עפּיזאָד פון זיין לעבען, וואו די אָפּערא האָט יענעם אבענד אַ וויכטיגע ראָליע געשפּיעלט

חיים האָט דאָ געקוקט אויפ'ן דאָקטאָר און דאָ אויף רחל'ען. ער האָט געזעהען ווי זייערעביידענס אויגען בעגעגענען זיך, און ער האָט אין די אויגען פערליעבטע דערקענט. עס האָט זיין געדאַנק דערלאָזען אַז רחל דאַרף ליעבען דעם דאָקטאָר — אַזאַ שעהנעם מאַן, און ער האָט אָבער דערביי געפיהלט ווי עס ריהרט זיך וואָס אין זיין הארצען און פערשאַפט איהם אַ נאָגענדען וועהטאָג.

— וואָס זייט איהר פערטראַכט ! ? — האָט איהם סאָפיע מיט איהר קלינ־גענדיגען קול דערמאָנט, — איך אַנטלויף פון אייך !...

זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַרויס־געלאָפען אין דאָס פאָדער־הויז. חיים איז איהר אונבעוואוסטזיניג נאָכגעלאָפען.

אין פאָדער־הויז איז געוועזען פינסטערליך. בליטצען מיט בלוילִיך־עלעקטרישען ליכט האָבען אָפּט אין די פענסטער אויפגעבליצט און אויך פערכאַפּט די ווענד און פּאָדלאָגע.

חיים האָט אָנגעכאַפּט סאָפיען ביי דער טאַליע און האָט איהר צו זיך צו־געצויגען.

סאָפיע האָט זיך ניט געוועהרט. זי איז געבליבען שטעהן פעסט צוגעדריקט צו איהם און האָט שווער געאָטעמט.

— הא, איהר וועט אַנטלויפען? — האָט חיים לאַכענדיג אָבער בעוועגט גע־זאָגט, און האָט איהר פעסטער צו זיך געדריקט.

סאָפיע האָט געשוויגען.

אַ שאַרפער געפיהל האָט זיין הארצען אַ בריה געטהון, און צופרעסענדיג איהר פעסטער צו זיך, האָט ער ניט וויסענדיג וואָס ער רעדט, עפּעס אַרויסגעזאָגט אזעל־כע ניט בינדליכע אָבגעהאַקטע זאַטצען:

— אַך, סאָפיע, עס איז נאַריש, יע סאָפיע?... אַלץ, אַלץ... לעבען, נור לעבען...

אַ ווילדע לוסט האָט איהם פערכאַפּט, זיינע געדאַנקען האָבען זיך פארצויגען מיט אַ געדיכטען רויך. ער האָט געציטערט.

און אַלץ טיעפער האָט ער איינגעגראָבען זיין קאָפּ אין דאָס איהריגע, און האָט איהר הייס געקושט.

— אַך, לאָזט מיר, — האָט סאָפיע מיט געהאַקטען אָטעם זיך שטיל געבעטען, — לאָזט, קומט אין הויז צוריק, — עס איז ניט שעהן.

חיים האָט איהר אָבגעלאָזען און ער האָט אין גאַנצען ווי אין פיבער פון אויפ־רעגונג געציטערט.

— סאָפיע, סאָפיע, — האָט ער נור געמורמעלט.

סאָפיע איז געשטאַנען אַ בלייכע, אַזוי ווי אַ צושראָקענע און האָט קוים אַרויסגערעדט:

— קומט צו מיר שפּעטער. מיין פענסטער וועט זיין אָפען!... — און זי איז גיך אַריינגעלאָפען אין זאַל.

חיים איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער. אַ קאַלטער שווייס האָט זיין לייב בעדעקט און אַ שאַרפער נאָגענדער וועהטאָג האָט זיינע ביינער געצערט.

באַלד האָט ער זיך בעדאַכט און האָט צו זיך אַ שמייכעל געטהאָן:

— אַ ראָמאַנטישע פּאַסירונג.

און ער איז אין זיין צימער אַוועק.

5.

חיים האָט דערפיהלט אַז ער איז פארליעבט.

קלעהרען און פאנטאזירען האָט ער אָבער ניט געוואָלט. ער האָט דעם געפיהל ניט געוואָלט בולט מאכען. עס האָט איהם פערדראָסען פאר דעם געפיהל און ער האָט זיך פאר זיך אַליין געשעהמט. עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט נאָך אַמאָל זיין אונטערוואָרפען יענע ראָמאנטישע און סענטימענטאַלע געפיהלען פון דער פריהער יוגענד.

נור דער אונפאָרזיכטיגער געפיהל האָט ווי אַ וואָרים זיין הארצען געפרעסען, און ער האָט געפיהלט אַז ער הויבט אָן ווערען נאַריש.

אַ געדאַנק איז איהם אַרויף אויפ׳ן זינען, און ער האָט זיך אָן איהם אָנגעכאַפּט.

— יע, יע, וואָס ניכער אוועקפאָהרען! — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט.

* *

*

איינמאָל אין אַ טאָג איז חיים אַרויסגעגאנגען אין די גאַסען פון שטעטיל געוואָהר ווערען די אַלע ערטער, וואו די טעג און יאָהרען פון דער קינדהייט און יוגענד זיינען פערלאָפען. עס האָט זיך איהם געוואָלט איבערלעבען און איבערפיהלען אָט די אַלע יוגענדליכע געפיהלען און אין געדאַנק, נאָך אַמאָל פון לאנגאָניגען קבר, אַרויסרופען דעם פערשטאָרבענעם געשפענסט פון דער גליקליכער קינדהייט און יוגענד.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער — אַ תמוז טאָג. די זון איז געשטאַנען אין העבטען מיטען פון דעם פערשטויבטען הימעל, און האָט אָהן רחמנות דער ערד ווי וואַקס געשמאָלצען.

די קליינע שטיבלאַך פון די גאַסען האָבען זיך אין זונען־ליכט געבאָדען, און זיינען ווי פערשלאָפען אויף גאָט׳ס בעראַטה געשטאַנען. די פאָרהאַנגען פון אַלע פענסטער זיינען געווען אַראָפּגעלאָזען און אין גאַס איז געווען שטיל. וואו ניט וואו איז אימעצער די גאַס איבערגעגאַנגען, שלעפּענדיג דעם קורצען שאָטען נאָך זיך, און איז באַלד פערשוואונדען.

חיים האָט ליעב געהאַט אַזעלכע זומער־טעג, וואו אַלץ ליגט רוהיג ווי אונטער אַן אָנגעגליהטען שטויב, און וואו אַלץ שמעקט מיט הייסער פערגליווערטקייט און פוילקייט, און אַלץ איז עפּעס אַזוי רוהיג און מיעד פערדרעמעלט, אַז עס הערט זיך דאָס שטענדיג איינטאָניגער זשומען פון פליגען און ביהנען.

ער איז פארבייגעגאַנגען דעם פּלאַץ וואו זייער אַמאָליגע הויז איז געשטאַנען,

און אויף וועלכען עס איז איצטער גאָר אַן אַנדער הויז געשטאַנען, א פיעל שעהנערע. דאָס האַרץ האָט איהם פּערקלעמט. א ווייכער פאַנאַנדערגעשוואומענער געפיהל האָט איהם אין גאַנצען בעהערשט, און ער האָט געפיהלט גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַרטראָגען אין דער טיעפער ווייטקייט פון דעם לאַנג פערגעסענעם עבר, און איהם איז געוואָרען אויפ'ן האַרצען קאַלעמוטנע און אומעדיג: —

די קינדהייט און יוגענד האָבען ווי א פישיל קעגען דער זון פון'ם מוטנעם וואַסער זיך א שפּיעל געטהון און צוריק אין וואַסער געזונקען.

וואָס איז פון זייער הויז געוואָרען?

די לעצטע, די מוטער איז אויך געשטאָרבען, און ער איז דער איינציגער צווייג פון דער פאַמיליע, — וועט דער צווייג וויעדער אין א בוים פערוואַנדעלט ווערען?....

ער איז ווייטער געגאַנגען.

ער איז פאַרביי געגאַנגען די ישיבה, וואו פון די אָפענע פענסטער האָט ווי א לויפענדער וואַסער געשטרוימט, דער איהם גוט בעקאַנטער גמרא ניגן.

ער איז אריין אינעווייניג אין ישיבה.

אַלץ אין דער ישיבה האָט פאַר איהם פרעמד אויסגעזעהען. קיין איין בעקאַנטער פּנים האָט זיך איהם אין אויג ניט געוואָרפען. אַלע זיינען איהם פרעמד, און אַלע קוקען אויף איהם מיט עפּעס א מאָדנע נייגעריגקייט און ניט זיכערקייט, גלייך ווי זייערע ניט־זיכערע בליקען וואָלטען פרעגען:

— ווער איז ער? וואָס וויל ער דאָ?...

אַלץ האָט זיך געענדערט: די טישען, די לאָמפּען, דער פּרוכת און אפילו די פאַרהאַנגען פון די פענסטער. אויבען־אָן ביים עמוד זיצט גאָר אַן אַנדער ראש ישיבה, דאַכט זיך א בייזערער. יענער, דער פערשטאָרבענער, איז אַזא פריינדליכער געוועזען, און האָט שטענדיג גוטמוטהיג געשמייכעלט....

דער משגיח דער מנהל — וואו זיינען זיי?... אויפ'ן זינען איז איהם ארויף די לעגענדע פון חוני המעגל, און גלייך ווי אימיצער וואָלט איהם אין אויער אריינגערוימט:

— צושטאָרבען, צושטאָרבען...

און דאָרטען, אין יענעם טיש, בין איך אמאָל געזעסען....

— אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער וועלט...

נור ניט געענדערט האָט זיך דער גמרא ניגון, און גלייך ווי אמאָל איז דער זינגענדיגער טומעל, פון פערשיידענע העלזער, איבער'ן הויז געהאַנגען און האָט

מיט ווייכען אומעט און יוגענד־פער׳חלום׳טקייט געקלונגען, און האָט אזוי ווי לעגענדען פון פרעמדע לופט און ווייטע וועלטען אין זילבערנע פאַנטאַזיען פער־וואַנדעלט, — פאַנטאַזיען, וואָס שוועבען איבער׳ן לעבען, וואָס האָבען גאָר מיט׳ן לעבען ניט צו טהון.

ער האָט געפיהלט אז דער ניגון נעהמט אַלע זיינע ביינער דורך. אַ קאַלטער שוידער האָט וויברירט דורך זיין גאַנצען קערפּער. עס האָט זיך איהם פערוואָלט זיין אייגענע שטימע, זינגענדיג דעם גמרא ניגון, צו הערען.

פון דער ישיבה איז ער אוועק אויפ׳ן שול־הויף. דורכגעגאַנגען דעם ליידיגען מאַרק־פּלאַץ, אויף וועלכען עס זיינען, פאר עטליכע קאַשיקעס מיט געבעקס און גרינס, אַראָפּגעלאָזען די קעפּ, די סעדיכעס געזעסען, מיט געדולד די אויגען אויס־קוקענדיג אויף אַן אָרימען קונה, וואָס וועט פערלאַנגען פאר אַ קאָפּיקע יאַגדעס אָדער גרינע ציבעלע.

פון די נידעריגע קראָמען האָבען פערשלאָפען ארויסגעקוקט די קרעמער, שטע־הענדיג אָנגעשפּאַרט אָן די אושאַקעס. עטליכע פויערשע אויסגעשפּאַנטע פוהרען, מיט די האַלאָבלעס צו דער הויך פעררי׳סען, זיינען אין מיטען מאַרק געשטאַנען. די קליינע דארע פערדלאך האָבען פויל און רוהיג געקייט די שטרוי פון די קאָשיקעס, אָדער האָבען מיט די ווייכע גלאַטע ליפּען געקליבען די פערשאָטענע האָבער־קערנער און האָבען נאָכאַנאַנד געקייט און געשמיסען מיט די עקען אויף רעכטס און לינקס, און מיט כעס די קעפּ אָן אַ זייט צום האַלז אָדער צו די פאָדערשטע פיס, געגרייכט.

געהענדיג איבער׳ן ליידיגען פייער־עקיגען מאַרק־פּלאַץ האָט זיך איהם גע־טראַכט, אז דער מאַרק איז נור אַ פּלאַץ וואו די פייערדיגע שטראַהלען פון דער זון נעהמען זיך אויף אין איין אָרט און באַקען און ברענען גאָר אָהן רחמנות. און ער האָט אין געדאַנק פערגליכען דעם מאַרק־פּלאַץ צו אַ בראַנד־גלאָז, וואָס האָט די מעלה צוזאַמען נעהמען די שטראַהלען פון דער זון אויף איין פונקט און מאַכען זיי שאַרפער און ברענענדיגער.

די זון האָט געברענט. די היץ איז געוועזען אַן אומבעוועגליכע און אָהן אַ ווינטעל. איהם איז געוואָרען הייס. אָבער אין דער מינוט האָט ער געפיהלט אין זיך אַ ווידערשטאַנד קעגען דער היטץ, וואָס דאָס פלעגט נאָך מיט איהם, ווען ער איז אַ קינד געוועזען, טרעפען, אז ער פלעגט זיך פער׳עקשנ׳ען און געהן דוקא וואו די זון איז. און עס איז איהם איצטער אנגענעהם געוועזען דעם עקשנות׳דיגען ווידערשטאַנד אין זיך צו פיהלען.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אינגעלווייז, ווען ער פלעגט אַמאָל געהן אויף

די זוניגע פּלעצער, פּלעגט ער פערזשמורען די אויגען און ארויף ציהען די באַקען־ביינער אין דער הויך. און ניט פיהלענדיג האָט זיך איהם איצטער אויך אונבעוואוסטזיניג די אויגען אויפגעזשמורעט, און די באַקען־ביינער האָבען זיך אין דער הויך אויפגעהויבען.

ער איז אוועק אויפ׳ן בית עולם, האָט אָפּגעזוכט דעם פאָטער׳ס קבר, איז געשטאַנען אביסעל פאר דער קליינער אָבגעריבענער מצבה, און האָט אונבעוואוסטזיניג איבער געלייענט דעם נוסח עטליכע מאָל, און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טאָג וואָס ער איז געשטאָרבען: עס איז געווען א כמארנער אָסיען־טאָג. און דערביי האָט ער אויפ׳ן קול איבערגעלייענט די לעצטע שורה: נפטר יום ג׳ י״ד חשון שנת תר״ן. ת. נ. צ. ב. ה.

נאכדעם איז זיין קוק געפאלען אויף דער צייכנונג, פון אויבען איבער׳ן נוסח, וואָס האָט פאָרגעשטעלט א פּאָר דאַרע הענד אין דער לאגע ווען מען דוכענט.

ער האָט זיך דערמאָנט אז ער איז א כהן, און איהם איז עס אָבער אין דער מינוט געווען שווער צו פערשטעהן, וואָס איז אזוינס א כהן?

אזוי איז ער געשטאַנען א היבשע ווייל. דערנאָך איז ער אוועק אָבזוכען דעם קברות מאַן, אז ער זאָל איהם ווייזען דער מוטער׳ס קבר.

דער קברות־מאַן האָט איהם אָנגעוויזען דעם קבר.

דער קבר איז נאָך געווען פריש. א היבשע קופּע ליימיגער, צוטריקענטער ערד האָט זיך איבער׳ן קבר אויפגעהויבען. קיין מצבה איז נאָך ניט געוועזען.

ער איז א היבשע ווייל׳ע פאר׳ן קבר געשטאַנען, און ער האָט איינגעשפּאַרט געקוקט אויף דעם ליימיגען בערגיל. ער האָט פון גאָרנישט בעשטימטעס געטראַכט. ער האָט נור געפיהלט, ווי אין הארצען נאָגט איהם וואָס, און עס פערדריעסט איהם אויף עפּעס, — אויף וואָס האָט ער אליין ניט געוואוסט.

אין איין עק בית עולם ליגט זיין פאָטער, אין דעם צווייטען עק זיין מוטער. — פאר וואָס איז דאָס אזוי?...

פּלוצלונג האָט איהם עפּעס א שוידער געטהון, און ער האָט זיך א טרייסעל געטהון. ער איז מיט גיכע טריט אוועק פון קבר, איז אריין אין סאָד, וואָס איז אין מיטען בית עולם געשטאַנען.

פאַמעלאָך האָבען זיך בעוועגט די צווייגען פון די בוימער, עס האָט דורך זיי א לייכטער ווינטיל געשפּאַצירט. די זון האָט דורכגעבראָכען און אריינגעקוקט דורך די געדיכט געפלאָכטענע צווייגען און האָט אויסגעלייגט אויפ׳ן גרינעם גראָז ארום די בוימער געפלאָכטענע גאָלדענע קווייטען.

שטילער, רוהיגער צווישערן פון פייגעלעך. גאָלדענע ליכט און שאָטען.

ער איז געגאַנגען צווישען די בוימער, האָט אונבעוואוסט געבראָכען דינע יונגע צווייגלעך און האָט פאַר זיך אין דער שטיל אונטערגעפייפט. עס האָט זיך איהם געפיהלט אַז ער געהט אויף אַ בית־עולם. פון צווישען די בוימער האָבען די שמאָלע מצבות־טאַפלען, געדיכט איינע אויף די אַנדערע אָנגעזעצט, אַרויסגעקוקט, און זיי האָבען איהם דערמאָנט אַז דאָ ליעגען בעגראָבען די יעניגע, וואָס האָבען איהם לעבען געגעבען.

טיעפער שווייגען אַרום. אַלץ דערצעהלט עפּעס פון אייביגען שלום און שטיל־שטאַנד. מיט וואָס פאַר אַ ווייכקייט און רוהיגקייט גליטשט זיך דער ווינד איבער די בוימער. מיט וואָס פאַר אַ שלעפעריגקייט עס אָטעמט די הייסע לופט.

וויפיעל מאָל האָבען שוין דאָ זיינע פיס געטראָטען, וויפיעל מאָל האָט ער דאָ שוין געזעהען, ווי מענשען איהם ליעבע און טייערע, ווערען אַרונטער געלאָזען אין די שמאָלע טיעפע גריבער. —

און די בוימער שטעהען מיט דער זעלביגער רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט, ניט עלטער און ניט שוואַכער; און רוהיג ווי אַמאָל פליעסט איבער זיי דער אָטעם פון צייט און ווינד.

די זון האָט אַלץ מעהר גענידערט צו מערב, און די שאָטענס האָבען זיך לענגער גענומען אויסציהען.

ער האָט מיט אַמאָהל דערפיהלט אַ שאַרפע און נאָגענדע בענקשאַפט. עס האָט איהם פאַרשמעקט מיט דער לופט פון דער ווייטער פערגאַנגענהייט; און יעדער נערוו, יעדע גליעד, האָט געפיהלט און געלעבט מיט דער לופט און פיעבער פון דער זאָרגלאָזער יוגענד: יעדע פלעק, יעדער בוים, און יעדער שניי־ווייס שטיקעל וואָלקען האָט צו איהם גערעדט, געווינקט און געשמייכעלט ווי צו אַ גוט בעקאַנטען און איהם דערמאָנט:

אַמאָל ביזטו יונג און פריש געוועזען, און האָסט דיין לוסט מיט אונז געטיילט. איצטער ביזטו ערנסט, דיין שטערען איז צוקנייטשט, דיינע אויגען גלאַנצען מעהר ניט. — קוק אויף אונז!...

שטילער און ווייכער טרויער האָט זיך אין זיין האַרצען געשפּינט, און ער האָט דערפיהלט ווי די פאַרנאַכט שאָטענס פערכאַפּען איהם.

ס'האָבען זיך אויף די שפּיטצען בוימער די זונען שטראַהלען געשפּיעלט — דער טאָג האָט געבלייכט.

פון שטעדטיל האָבען זיך אָפּקלאַנגען פון אַ שפּיעל־קאַסטען צו איהם דערטראָ־גען. ער האָט זיך צוגעהערט, און זיינע אויגען האָבען אויפגעבליצט.

כוואַליעס לעבענסלוסט און האָפנונגען האָבען זיך מיט אַמאָל אין זיין הארצען אריינגעריסען, און די פריהערדיגע צושוואומענע שטימונג איז פערשוואונדען.

זיין לעבען האָט זיך איצטער אין זונען־ליכט אַ שפּיעל געטהון: — אַ לעבען פון טהעטיגקייט און גענוס, — אַ גאָלדענער יעסין פון אויפנעהמען די פרוכט פון די פעלדער אין שייער אריין. און ער האָט אין דער מינוט פון זיך אַליין געלאַכט, פאַר זיין פריהערדיגען טרויער און שוואַכקייט, און איהם איז איינגעפאַלען אז ער מוז זיך וואָס גיכער ארויסרייסען זיך פון דאַנען, וואו אַלץ שמעקט מיט שטויב און שימעל, און וואו אַלץ דערמאָנט און דערמאָנט...

— צום טייפיל! פאַר די טוידטע דער בית עולם, — פאַר די לעבעדיגע די גרויסע אָפענע וועלט!... צוריק אין דער וועלט!...

ער האָט אַליין ניט געפיהלט, ווי גיך און העפטיג זיינע טריט אויף צוריק זיי־נען געוועזען.

ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט אהיים איז שוין די זון אויפ׳ן הימעל געשטאַ־נען ווייט גענייגט צום האָריזאָנט. אַ פרישער קיהלער ווינטיל האָט גענומען בלאָזען.

אין הויז האָט געשמעקט קאַפע. מען האָט זיך געגרייט צו עסען.

די מומע באַשע האָט איהם בעגעגענט:

— גוט חיימ׳קע, וואָס דו ביזט געקומען. מיר געהען באַלד עסען...

— וואו ביזטו דאָס געווען אַ גאַנצען טאָג? — האָט זי איהם באַלד געפרעגט.

— אָט זיך ארומגעשלעפּט אביסעל איבער׳ן שטעדטיל, — האָט ער געענט־פערט, און האָט זיך אַניעדער געזעצט קעגען דער מומען.

— אין אַזאַ הייסען טאָג?...

— איך בין געווען אויפ׳ן בית־עולם, — האָט ער גערעדט, — איך האָב געזעהען דער מאַמע׳ס קבר... מען דאַרף אַ מצבה שטעלען.

דער מומע באַשע׳ס געזיכט האָט זיך פערפינסטערט, און האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ:

—אַ ודאי דאַרף מען אַ מצבה. נור עס איז נאָך צו פריה... פאַר׳ן יאָהר שטעלט מען ניט קיין מצבה...

חיים האָט געשוויגען.

די מומע באַשע איז אַרוים אין קיך. באַלד איז פון איהר צימער רחל

ארויס, און האט צו חיים׳ן פרייליך געזאגט:

— געהען מיר היינט שפאציערען?

— ווי דו ווילסט, רחל...

— וואו איז בעריל? — האט רחל אויפגעלייגט געפרעגט.

— ער וועט באלד מסתמא קומען... קום רחל אריין אין זאל דערווייל, דו וועסט עפּעס פאר מיר שפּיעלען.

— קום, קום, — האט רחל געזאגט איהם נעהמענדיג אונטער׳ן ארים.

אין זאל זייענדיג האט זיך רחל געזעצט ביי דער פּיאנא, חיים האט צוגע־רוקט א שטול.

— וואס זאל איך שפּיעלען? — האט זי פרייליך געפרעגט, און האט מיט איהרע דינע ווייסע פינגער א לאף געטהאן איבער די ביינדלאך.

— וואס דו ווילסט, רחל...

רחל האט געשפּיעלט. און חיים איז געזעסען אנגעשפּארט אן ווענטיל פון שטול און האט צושטרייט פאר זיך געקוקט. דערנאך האט ער פון דער זייט געקוקט אויף איהר איידעלען פּראפּיל, און האט בעטראכט דעם שעהנעם קאנטור פון איהר בלאנדען קאפּ.

א געפיהל פון שטילען זעהנזוכט האט זיין הארצען ארומגענומען, און ער האט געפיהלט אז עטוואס איז דא אין דעם יונגען לעבען, וואס איהם פעהלט. שטיל האט זיין הארץ געוועהטאגט. און דער וועהטאג איז געוועזען אן אנגענעהמער, אן איידעלער.

די טענער האבען געבלאנדזשעט איבער׳ן זאל. ער האט זיי אויפגעכאפּט, דאס זיינען געוועזען טענער פון שוהמאנ׳ס טרוימערייען, טענער פון יוגענד חלומות, אין יעדער טאן אין יעדער נאטע האט ער, אויף זיין שטייגער, זיין יוגענד געלייענט און אויסגעטייטשט.

— ניטא פאר דיר מעהר קיין יוגענד, — האבען די טענער געשטימט מיט זיינע מחשבות...

— דו ווערסט עלטער פון טאג צו טאג.

— און וואו איז די יוגענד?

— האסטו ווען געליעבט? —

זיי האבען גע׳חלומ׳ט:

— נעכט טיעפע, הימלען בלויע, גאָלדערנע טעג פון יוגענד, גיסען זיך צונויף און געבוירען שעהנע חלומות, פאנטאזיען פון גאָלד געשפונען... און ערגעץ ווייט, אין דער טיעפער נאכט, דאָרט פערשפרייט זיך ווי א חופה דער בלויער הימעל, און צוויי יונגע נשמות זיינען אין הייסען אָטעם פון ליעבע און נאכט פארוויענט... שטער זייער חלום ניט!...

ער האָט דעם חלום צושטערט :

— זאָל זיין גענוג, רחל...

רחל האָט זיך אויסגעדרייט און האָט איהם אָנגעקוקט.

— וואָס איז, חיים ?

— דיין שפיעלען, רחל, ווירקט אויף מיר שלעכט. — לאָמיר ־עסער פלוידערען.

— וואָס איז דער מער, חיים ?...

— אָט ,גאָרנישט...

רחל האָט איהם שארף אָנגעקוקט.

חיים איז צוגעגאנגען צו רחל'ען, האָט איהר אָנגענומען צערטליך ביי דער טאליע און האָט איהר צוגעפיהרט צום קאנאפע. זיי האָבען זיך געזעצט.

— זאָג מיר דעם אמת, — האָט חיים אָנגעהויבען און ער האָט זיך אָבגע־ האקט....

רחל האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט.

— וואָס ווילסטו זאָגען, חיים ?

— איך האָב געוואָלט דיר זאָגען אז איך פאָהר מאָרגען אוועק, — האָט חיים רוהיג אויסגעצויגען.

— דו פאָהרסט מאָרגען אוועק ! — האָט זי אויסגערופען, — וואָס איז דאָס גאָר פלוצלונג אין מיטען דערינען ?

— אָט אזוי איך דארף פאָהרען...

רחל האָט איהם בארשענד א היבשע ווײלע בעטראכט, און דערנאָך האָט זי שטיל געזאָגט :

— איך פערשטעה דיך ניט.

חיים האָט געשמייכעלט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז זיך דורכגעגאנגען א פאָר מאָל איבער'ן זאָל און איז געבליבען פאר איהר שטעהן.

— יע, רחל, אזוי איז דאָס...

ער האָט איהר צערטליך אָנגענומען ביים טאַליע און האָט איהר צערטליך אין די אויגען אריינגעקוקט:

— ביזט פערליעבט, רחל...

רחל האָט זיך פארשעהמט.

—דו וועסט מיר זאָגען דעם אמת וואָס איך וועל ביי דיר פרעגען?

רחל האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יע.

זיי האָבען זיך געזעצט.

— רחל, דו ליעבסט דעם דאָקטאָר?..

זי האָט געשוויגען.

חיים איז מיט אמאָל אויפגעשפּרונגען, און האָט פריילאך אויסגערופען:

— זאָל זיין גענוג, זאָל זיין גענוג מיט די נארישקייטען. — קום, רחל, לאָמיר געהן עסען און דערנאָך שפּאַציערען.

— און דו פאָהרסט מאָרגען?

— יע, יע, רחל, — איך מוז...

— פאָהר ניט...

רחל האָט אויף איהם גלייך און רוהיג געקוקט און איהרע גרויסע העלע אויגען האָבען אין דער מינוט אזוי ווי געפרעגט:

— צו וואָס איז דער פאָהרען?

חיים'ען האָט איהר קוק אזוי ווי א בליטץ געטראָפען. א געדאַנק איז איהם דורכגעלאָפען דורכ'ן קאָפּ, און ער האָט זיך דערשראָקען.

— איך מוז, איך מוז, רחל, — האָט ער נאָכאַנאַנד געזאָגט.

ער האָט איהר נעהענטער צוגעצויגען צו זיך, איהר צערטליך ארומגענומען, און א קוש געטהון איהר אין שטערען.

— דו ווייסט, רחל, אז איך ליעב דיר ווי א שוועסטער...

— בעריל קושט מיר קיינמאָל ניט, — האָט זי געזאָגט מיט א טאָן פון קינדערשען פאָרוואורף, און האָט זיך פון זיינע אָרימס בעפרייט, — לאָז מיר, חיים, דו ביזט א שלעכטער...

און זי איז פון זאַל ארויס.

חיים איז געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט. ער האָט אויף דער מינוט זיך ניט געפונען. צוויי געפיהלען האָבען זיך אין זיין הארצען געראַנגעלט. עס האָט זיך איהם געלוסט איהר נאָכרופען און זאָגען איהר אַז ער ליעבט איהר ניט ווי א שוועסטער. וואָרים א שוועסטער ליעבט מען גאָר דאָס רוב ניט, און אַז ער ליעבט איהר זעהר שטארק ווי זיך אליין, אָבער עס איז גאָר קיין צוגלייכונג ניטאָ. זיין צונג אָבער האָט זיך ניט בעוועגט. ער האָט נור א מאַך געטהון מיט'ן האַנד און הויך צו זיך אליין געזאָגט:

— איך פאָהר... גוט וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזען!... — און ער איז אריין אין עס־צימער.

אין גרויען ליכט.

מ. י. חאַאימאָוויטש:

אין גרויען ליכט.

(ערצעהלונג.)

.1

נאָך קיין מאָל אין לעבען האָט דער יונגער לעהרער בערנשטיין אַזוי שטאַרק ניט געפיהלט די טוידטקייט און איינזאַמקייט פון זיין וואָכעדיגען לעבען, ווי ער האָט'ס גע־פיהלט די ערשטע צייט נאָך זיין אַריינפאָהרען אין דער פערוואָרפענער קליין ליטוויש־שטעטעל.

ס'איז געווען נאָך סכות. די נעכט האָבען זיך שרעקליך לאַנג אויסגעצויגען. די טעג זיינען געוועזען נאַסע און גרויע. פון איין פריהמאָרגען ביז'ן צווייטען האָט א קאַלטער שיטערער רעגען אָהן אַן אויפהער געשפּריצט. א פוילער און שווערער אָסיען־ווינד האָט נאָכאַנאַנד געטריבען: געריסען די לאָדענס, געפייפט אין די קוימענס און געוואַנדערט.

די קליינע שטיבלאָך פון שטעטיל זיינען געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשווייגקטע סטאַיע קראָהען, שוואַרץ און פער'חושכ'ט פון רעגען, און ס'איז איבער זיי געהאַנגען, ווי א שוואַרצער רויך, אַזאַ איינטאָניגע מרה שחורה, גלייך ווי דעם הימעל אליין וואָלט דאָס לעבען מיאוס געוואָרען. גרויסע לוזשעס וואַסער און קויט האָבען די שמאָלע גאַסען בעדעקט, און די איינוואָהנער פונ'ם שטעטיל זיינען ביז די קניע אין קויט געקראָכען. ביינאַכט איז אין די ענגע גאַסען געווען פינסטער ווי אין אַן אויג, אַזאַ געדיכטע פינ־סטערניש כאָטש מיט די הענד אָנצוטאַפּען. האָט וואו ניט וואו זיך א שטיקעל ליכט פון ערגעץ א לאָדען דורכגעשלאָגען און שוואַך אין דער ווייטענס געשימערט, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק גלייך ווי א וואַנדערנדער גליה־ווערימיל וואָלט דורך א צופאַל פערבלאָנזשעט אין דער פינסטערער נאַכט.

שווערער און בייזער געמיטה האָט זיך אין אַלעמענס הערצער בעזעצט, און ס'האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי אַלע וואָלטען זיך צוגעגרייט צו פערברייגגען א לאַנגע און שווערע ווינטער־נאַכט.

פון אָנהויב אַז בערנשטיין איז נור וואָס אָנגעקומען אין שטעטיל און האָט געדאַרפט קומען אין בעריהרונג מיט די פּאַטערס און מוטערס, וועמעס קינדער ער האָט זיך אונטערנומען צו אונטערריכטען, האָט ער זיך זעהר שלעכט געפיהלט. א געפיהל פון קראַנקהאַפטע צורייצטקייט האָט איהם געפּייניגט, און עס האָט זיך איהם געדאַכט אַז זיי זיינען אַלע עפּעס אַזעלכע גראָבע אומגעהובעלטע מענשען. שפּעטער האָט ער איינגעזעהען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, און אַז בעצם זיינען די בעלי בתים און די קינדער גאָר ווייט פון צו זיין רויה און בייזמוטיג, און אַז אין דעם אַלץ איז שולדיג דער בייזער חושכ'דיגער אַסיען. ווארים ער אַליין איז דאָך אויך אונטער דעם שווערען דרוק געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש.

דערביי האָט ער, אום צו איבערצייגען זיך, איינגעקוקט זיך אין שפּיגעל, און ער האָט ווירקליך אויסגעפונען אַז זיין געזיכט האָט אַ האַלב־ווילדען און בייזמוטיגען אויסזעהען בעקומען.

בערנשטיין האָט זיך צוגעגרייט צו אַ לאַנגע און אומעטיגע ווינטער־נאַכט.

ער האָט אויסגעשריבען אַ פּאָר צייטונגען און זשורנאַלען און האָט איבערגעקוקט זיין אָרימע ביבליאָטעק — און האָט געדולדיג געוואַרט.

קיין בעקאַנטע האָט ער ניט געהאַט און שטאַרק זיי ניט געזוכט אויך. ווארים נייע בעקאַנטשאַפטען פערפיהרען איז פאר איהם געוועזען איינע פון די שווערסטע זאַכען.

אַליין אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער, וואָס האָט נאָך געהאַט די טבע ביי יעדער קלענסטער געלעגענהייט רויט צו ווערען, האָט זיך פון אַלעמען פון דער ווייטע געהאַלטען און זיך ניט געשטופּט וואו עס איז טומעלדיג און שרייענדיג.

אַזוי האָט בערנשטיין פערבראַכט אין איינזאַמקייט זיינע ערשטע טעג און נעכט.

שפּעטער האָט ער זיך בעקענט מיט'ן העברעישען לעהרער, לעווין, און האָט גענומען אריינקומען צו איהם אין הויז.

דער העברעאישער לעהרער, אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט זעהר אַ סימפּאַטישע אויסזעהן, האָט געוואָהנט מיט זיין יונגער און שעהנער פרוי און קינד אין אַ בעזונדערע שטיבעל אין עק שטאָדט ניט ווייט פון טייך, און זיי האָבען דאָרט פערבראַכט די שווערע אָסיען־און ווינטער־נעכט אין שטילען גליק.

די לעווינס, פון זייער זייט, האָבען זיך מיט בערנשטיינען שטאַרק דערפרעהט — צוגעקומען נאָך איינער אין דער פאַמיליע פון פריעדען און איינזאַמקייט.

בערנשטיין האָט אָפטער גענומען בעזוכען זייער הויז, און צום סוף האָט ער ניט פערפעהלט צו זיין דאָרט יעדען אבענד.

יעדען אבענד ווי ער פלעגט נור פאַרטיג ווערען מיט זיינע אוראָקען, פלעגט

ער אויף גיך אָפּעסען און זיך איינוואַשען — און גלייך צו די לעווינס.

מאַן און פרוי פּלעגען איהם וואַרים בעגעגענען. זיי זיינען מיט איהם זעהר צופרידען געווען. דאָס איז געווען קענטיג אַן זייערע אויגען און האַרציגען טאָן, וואָס פּלעגט זיך הערען אין זייערע ווערטער.

זייערע אבענדען זיינען שוין געווען איינגעאָרדנעט ווי נאָך אַ פּראָגראַם :

אפריהער האָט מען גערעדט וועגען די נייעס פון די אידישע און העברעישע צייטונגען, — וואַרים ביידע, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָבען געהאַט גלייכע סימפּאַטיען פאַר אידישע ענינים. — דערנאָך פּלעגט קומען די אַלגעמיינע נייעס, און גאַנץ אָפט פּלעגען זיי דערנאָך שפּיעלען אַ שאָך.

בערנשטיין איז געווען אַ גוטער שאַכשפּיעלער, אָבער ער פּלעגט זיך טומלען און אָפט פּלאָנטערן. לעווין, פערקעהרט, האָט געשפּיעלט רוהיג און אויסגערעכענט.

חנה, לעווין'ס יונגע פרוי, פּלעגט ווערען פעראינטערעסירט, און האַלב־אָנגעבויגע איבער'ן שאַכברעט פּלעגט זי אַמאָל דעם אַן עצה געבען און אַמאָל יענעם, וואָס דערביי פּלעגט איהר לעווין אויף אַזאַ אופן שטענדיג גוטמוטהיג בעמערקען :

— אַך, חנה, ווי דו דרעהסט אַ קאָפּ !... זעהסט ניט אַז דיין עצה טויג נישט, ווארים די קעניגין איז געשיצט פון צוויי זייטען !...

חנה פלעגט זיך אַזוי ווי פאַרשעמען און פלעגט אַראָפּלאָזען די אויגען און ווייטער קוקען.

זיצענדיג אַזוי נאָהענט לעבען חנה'ן, פּלעגט בערנשטיין שטענדיג פּיהלען איהם וואַרימען אָטעם און דעם ריח פון איהרע האָר, און אַן אַנגענעהמער שוידער פּלעגט אַריבער זיינע גליעדער, און זיינע ליפּען פלעגען זיך לייכט בעוועגען.

דערנאָך, אַז בערנשטיין פּלעגט קומען צו זיך אין צימער, פּלעגט ער זיין פאַרטראַכט און צושטרייט. און שוין זייענדיג אין בעט, פלעגט ער שטונדען לאַנג אָפּליגע מיט'ן פּנים אַרויף און קוקען מיט אָפענע אויגען אין דער פינסטערניש, פון וואַנען עס פלעגען זיך נאָכאַנאַנד קייטלען פייערדיגע רייפען און פּיעלפאַרביגע קוילען.

עפּעס האָט אין זיין האַרצען גענומען זיך ריהרען און אויפוואַכען. און דאָס וואָס האָט ביי איהם אין האַרצען גענומען ערוואַכען האָט אַמאָל מיט ווייכען און זאַנפטע שוידער זיין וועזען אָנגעפילט, און אַמאָל מיט שאַרפען און נאָגענדען וועהטאָג.

בערנשטיין האָט זיך פערטראַכט.

* * *

די רעגענדיגע אָסיען־טעג און נעכט זיינען פאַראיבער. קליינע טרוקענע פרעסט

לאַך האָבען זיך געוויזען און האָבען אויסגעטריקענט די קויטיגע גאַסען, דער הימעל איז געוואָרען קלערער.

דערנאָך איז אויסגעפאַלען אַ שניי און האָט אָבגעקאַלכט די גאַסען און די דעכער פון די שטיבלאַך. די נעכט זיינען געוואָרען ליכטיגער.

בערנשטיין האָט זיך ניט געפרייט מיט'ן ערשטען שניי. עפּעס האָט די גרויע ריינקייט פון פּלוצלונגען שניי געשטאָכען זיינע אויגען, גלייך ווי ער וואָלט פריהער פאַר זיך שטענדיג שוואַרצעס געזעהען, און דאָ מיט אַמאָל ווערט גאָר פּלוצלונג ווייס!... די מאַטעווע פּערל־ווייסקייט פון שניי האָט איהם שטענדיג דערמאָנט זיין אייגענעם לעבען, אויף וועלכען די זון פערקוקט זיך גאָר קיין מאָל ניט, און דאָס ליכט וואָס קומט צו צו איהם פאַלט ווי דורך אַ גלעזערנעם דאַך.

בערנשטיין האָט געפיהלט אַ גייסטיגען אונרוה אין זיין נשמה, אַ אונבעשטימטען געפיהל אין הארצען. ער האָט קלאָר ניט געוואוסט וואָס מיט איהם איז. און די אונבעשטימטע אונרוה האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין אַ האַלב־דרעמלענדען צושטאַנד.

ער האָט געזוכט זיך צו צושטרייען, און ער פלעגט זעהר פיעל שפּאַציערען איבער'ן פערשנייטען טראַקט. עפּעס האָט איהם די איינפאָרמיגע ווינטער לאַנדשאַפט געצויגען.

און אָט שפּאַציערט ער איבער'ן פערלאָזענעם טראַקט.

פאַר זיינע אויגען ציהט זיך ווייט אויס אַ ווייסע איינטאָניגע פלאַכלאַנד אָהן דעם קלענסטען סמן פון לעבען און בעוועגונג. די פלאַכלאַנד ווערט ערטערווייז ביי די ברעגען הימעל איבערגעשניטען פון שוואַרצע שטרייפען וואַלד, אָדער ווערט צושטערט פון אייגציגע ביימער, וואָס מאָלען זיך ווי שטיקער, שאָטענדיגע פלעקען אויפ'ן דונקעל־גרויען גרונד פון הימעל. הימעל און ערד האָבען איין קאָליר; אַלץ איז ווי אויפגעשמאָלצען אין איין ווייכען אומעטיגען טאָן.

פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך דאָס הייזעריגע קלינגען פון פּאָטשטאָווע גלעקלעך, וועלכע קלינגען אָפּ אין דער לעערער פלאַכע אַזוי פאַנטאַסטיש, גלייך ווי דער קלאַנג וואָלט אַרויסגערונען פון ערגעץ ווייטע און אייביג פארשנייטע מדבריות.

בערנשטיין הערט זיך צו צום קלאַנג פון די גלעקלעך, און ער קומט איהם פאָר אַזוי היימיש און בעקאַנט, גלייך ווי ער וואָלט פון אייביג נאָכאַנאַנד געהערט דאָס קלינגען — און אויפ'ן געדאַנק קומען איהם אַרויף די קינדער־יאָהרען.

נאָך אין די קינדער־יאָהרען האָט איהם דאָס הייזעריגע איינטאָניגע קלינגען אַזוי ווי פער'כשפ'ט און שטענדיג זיין אויפמערקזאַמקייט געצויגען.

און באַלד לעבט ביי איהם אין זכרון אויף די געשטאַלט פון זיין פערשטאָרבע־

נער מוטער. ער דערמאָנט זיך ווי גוט זי איז צו איהם געווען, ווי זי פלעגט איהם אָפּהיטען און באָוועו, און פלעגט שטענדיג מורא האָבען פאַר זיין געזונט, און זי אַליין פלעגט איהם אָפּט פיהרען אין חדר און קומען אָפּנעמען פון חדר אין די ווינטער אבענדען.

פאַר זיינע אויגען גלאַנצען מיט אַמאָל אויף די קינדערשע לאַמטערנעס, וואָס פלעגען ווי שטערען אָנפּילען דעם שולהויף, ווען אַלע אינגלאַך פלעגען פון די חדרים אַלאַז טהון זיך אַהין אָדער אין בית המדרש, אום אין איין קאָמפּאַניע צו געהן אַהיים. ער זעהט אין געדאַנק ווי לעבעדיג די פרייליכע פּנים'לאַך פון די שטיפעריש חדר־אינגלאַך ווי זיי פלעגען איבערקעהרען דעם בית המדרש. ער זעהט דעם שטרייגען שמש, וואָס פלעגט זיך נאָך זיי נאָכיאָגען, און זיי פלעגען זיך מיט איהם רייצען און דרעהען זיך אין אַ קאראהאָד ארום דער בימה....

בערנשטיין פיהלט איבער אין געדאַנק נאָך אַמאָל די זאָרגלאָזע קינדהייט, און בילדער נאָך בילדער קומען.

מיט אַמאָל אָבער פערשווינדען אָט די אַלע בילדער, און ער געפינט זיך גאָר איינער אַליין אויפ'ן פערלאָזענעם און פערשנייטען טראַקט, און זיינע אויגען קוקען עפּעס געדאַנקענלאָז פאַר זיך אין דער נעבעלגרויקייט, און אויפ'ן הארצען איז אַזוי פּוסט און אומעטיג.

מיט אַמאָל צורייסט אַ ליכטיגער געדאַנק דעם פינסטערן הימעל פון זיין לעבען, און אויפ'ן הארצען ווערט איהם פרייער: אַ ליכטיגע ריינע געשטאַלט ערשיינט פאַר זיינע אויגען.

די געשטאַלט איז איהם גוט בעקאַנט, און ער פיהלט צו איהר עפּעס אַזעלכעס וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל צו קיין לעבעדיגען ניט געפיהלט....

* * *

בערנשטיין האָט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר געפיהלט, אַז די קליינע פריעדליכע פאַמיליע ווערט איהם אַלץ נעהענטער און טייערער, גלייך ווי ער וואָלט געווען מיט איהר פון יאָהרען און יאָהרען אויפגעוואַקסען.

שטיל און אנגענעהם האָבען זיי די איינזאַמע ווינטער אבענדען פערבראַכט.

אין הויז איז וואַרים און ציכטיג. בלויע ליכט צומישט מיט שאָטען וויקלען איין דעם צימער. דאָס פייער פון אונטער'ן בלויען אבאַזשור פאַלט אין גאַנצען אויפ'ן טיש און אויף זייערע געזיכטער, וואָס שיינען ווי די געזיכטער פון הייליגע אויף די קירכען בילדער. און זיי זיטצען זיך און פיהלען זיך גוט און פריעדליך.

אָפטמאָל קלעפּט זיך ניט דער שמועס, גלייך ווי ער וואָלט זיך שוין אין גאַנצען אויסגעשעפּט; נור דאָך איז בערנשטיינען אזוי וואַרים און אַנגענעהם אזוי זיך צו זיטצען און זיין אין האַלבען חלום פערטראָגען.

איינמאָל אין אזא אָבענד האָט חנה פּלוצלונג בערנשטיינען א פרעג געטהון:

— זאָגט מיר, בערנשטיין, דעם אמת!... וואָלט איהר געוואָלט חתונה האָבען?...

בערנשטיין איז רויט געוואָרען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ער האָט עפּעס אַרויסגערעדט עטליכע ניט בינדליכע ווערטער.

— וואָס איז דאָס אין מיטען פאַר א פראַגע? — האָט לעווין קאַלט בעמערקט און האָט אויף חנה'ן א פיעלבעדייטענדען קוק געטהון, גלייך ווי ער וואָלט מיט דעם קוק וועלען זאָגען: „אָך, ביסטו א נאַר, חנה!...“

חנה האָט זיין קוק פערשטאַנען, אָבער עס האָט איהר ווייבערשטאָלץ ניט דער־לאָזען אז זי זאָל בלייבען אין מיטען און ניט אויספיהרען וואָס זי האָט געוואָלט ווייטער זאָגען, אָדער זיך פאַרענטפערן און צוגעבען, אז עס איז געווען א פראַגע ניט אין דער צייט. — דאַרום האָט זי שמייכלענדיג ווייטער גערעדט:

— איך האָב בערנשטיינען געפרעגט דערפאַר וויל, ווי איך פערשטעה, סימפּאַ־טיזירט ער דעם פאַמיליען לעבען, — און וואָס איז די עולה?...

— לאָז איהם צורוה, — האָט לעווין שוין גוטמוטהיג געלאַכט, — וואָס ווילסטו פון איהם?... ער איז נאָך יונג; ער וועט נאָך צייט האָבען צו טראָגען אויף זיך דעם יאָך...

בערנשטיין האָט געשמייכעלט.

חנה האָט זיך מיט א פאָרוואורף צו לעווינען געווענדעט:

— וואָס הייסט עפּעס „דעם יאָך“?... וואָס איז דאָס פאַר א אויסדרוק?...

לעווין האָט זיך פרייליך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— דו פראָטעסטירסט, חנה!... דאָס איז גוט, דאָס איז גוט!....

בערנשטיין האָט וואָס געוואָלט זאָגען. ביי איהם אויפ'ן צונג האָט זיך געדרייט א קיילעכדיגע פראַזע. ער האָט אָבער געוואוסט, אז עס וועט פון זיין מויל אזוי גלאַט ניט אַרויס ווי ער האָט עס אין געדאַנק, — ער האָט פערשוויגען.

„פאַר וואָס האָט זי דאָס מיר פּלוצלונג געפרעגט?“ האָט ער נור א קלעהר געטהון.

יענע נאַכט האָט זיך בערנשטיין געקייקעלט פון איין זייט אויפ'ן צווייטען. ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען. זיינע געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט. א וועהטאָג־דיגעם געפיהל האָט ווי א וואַרים זיין האַרץ געטאָטשעט. טיעפע בענקשאַפט האָט איהם געקוועלט.

עפּעס האָט זיך א געשטאַלט געדרייט פאַר זיינע אויגען, און פון זיינע געדאַנקען

ניט געוואָלט אָפּטרעטען. ער האָט איהר געזעהען ווי אַ שלאַנקע בוים ארויסשווימענדיג פון דער פינסטערניס, ער האָט דוכט זיך געשפּירט איהר אָטעם און איהרע ווארימע ארימס, — און איהם איז געוואָרען הייס.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשטרייינגט ניט צו טראַכטען פון דער געשטאַלט. איהם האָט זיך געדוכט אַז ער טהוט אַן אונרעכט וואָס ער לאָזט זיין פאַנטאַזיע פריי. און יעדעס מאָל, ווען זיין הארץ פלעגט פון בענקשאַפט פאַרגעהן און פאַר זיינע אויגען פלעגט ניט ווילענדיג ארויסשווימען די געשטאַלט, פלעגט ער די געדאַנקען אין לופטען לאָזען הענגען און פלעגט זיך מיט עפּעס אַנדערש נעמען פער'עסי'ן, פון וואָס אַנדערש נעמען טראַכטען.

.2

צום סוף ווינטער האָט זיך געטראָפען אַז לעווין האָט זיך שטאַרק פערקיהלט און איז קראַנק געוואָרען אויף לונגען־ענטציגדונג.

עס איז געקומען דער דאָקטאָר און האָט פערשריבען רפואות און האָט דערהויפּט פּאַרזאָגט אַ שטרענגען אומגאַנג מיט'ן קראַנקען.

חנה איז געוועזען אַליין, און דערצו נאָך מיט אַ קליין קינד, און האָט גאַרנישט געקענט אויפטהון. האָט בערנשטיין אויף זיך איבערגענומען דעם גאַנצען כלאַפּאָט. ער איז ארומגעלאָפען, בעשטעלט אַ הויז־פּרוי, געלאָפען אין אַפּטייק, און איז ניט אָבגע־טראָטען פון קראַנקען'ס בעט.

חנה, פערמוטשעט פון ניט דערשלאָפען, האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען. זי האָט זיך אין גאַנצען אומגעביטען: שוואַרצע רייפען האָבען ארומגע־רינגעלט איהרע אויגען, די באַקען זיינען איינגעפאַלען.

בערנשטיין האָט אויף איהר פון דער זייט נאָכאַנאַנד געקוקט און זיין הארץ האָט געשלאָגען מיט די ריינסטע און איידעלסטע געפיהלען: — וואָלט אימיצער געבעטען זיין לעבען, ער וואָלט זיך אויף אַ מינוט ניט פארקלעהרט און אָבגעגעבען, נור ס'זאָל אַלץ זיין אין דער קליינער פריעדליכער פאַמיליע ווי פריהער.

נור דאָס האָט ניט געקענט טרעפען. לעווין'ס קריינק איז אַלץ געוואָרען פאַר־צוויגענער און ערנסטער.

נאַכט אין נאַכט האָט בערנשטיין פארבראַכט נעבען קראַנקען. אָפטמאָל פלעגט ער אַזוי זיצענדיג איינדרעמלען און איהם פלעגען זיך פּלאָנטערען אַזעלכע מאָדנע און ווילדע חלומות.

דערנאָך, אז ער פלעגט זיך פלוצלונג אויפכאפּען, פלעגט ער זיין ווי האלב־צומישט און אזוי ווי דערשראָקען. אין קאָפּ ביי איהם האָט זיך מאָדנע געטומעלט, אזוי ווי עס טומעלט זיך ביי איינעם נאכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסען א גאנצע נאכט לעבען א שטארק שפּיעלענדער קאפּעליע.

א קליינינקער רויטער פייעריל האָט געברענט אין קראנקען׳ס צימער, און האָט אביסעל אונטערגעטאנצט און געזשומעט ווי א בין. די ווענט פון׳ם צימער זיינען געדיכט אין שאטען געלעגען. עס האָט געשמעקט מיט רפואות און געבריהטע מילך. די לופט איז געווען פערשטיקט.

דער קראנקער איז געלעגען איינגעדעקט און האָט זעהר שווער געאָטעמט און זעהר אָפט געהוסט מיט א טרוקענעם כריפּ.

ווי נור דער קראנקער פלעגט אָנהויבען שטארק צו הוסטען, פלעגט שוין בערנ־שטיין צולויפען און אונטערלייגען די הענט אונטער׳ן רוקען אום איהם פאָרזיכטיג אויפהויבען,עס זאָל איהם זיין לייכטער.

דער קראנקער פלעגט מאָדנע קרעכצען און ניט לאָזען זיך צוריהרען צום לינקען זייט. דערביי פלעגט ער עפּעס אזוי פרעמד קוקען אויף בערנשטיינען, מיט אזא קנאה׳דיגען און פערצווייפעלטען קוק, וואָס האָט אזוי ווי גערעדט :

— דו, ברודער, געהערסט דעם לעבען, איך אָבער — דער גרוב....

בערנשטיין פלעגט זיך דערביי זעהר שלעכט פיהלען. א געפיהל פון ניעדעריגען רחמנות פלעגט איהם פייניגען ווען ער פלעגט אין זיינע הענט דערפיהלען די טרוקענע און ווארימע ביינער פון׳ם קראנקען.

בערענשטיין האָט געהאט א שלעכטען פאָרגעפיהל : עס האָט זיך אונבעוואוסט־זיניג אויסגעארבייט אין זיין גאנצען פיהלען אזא סאָרט זיכערהייט, אז דער קראנקער וועט שטארבען. ער האָט דעם טויט געשפּירט אין דער לופט, איהם געזעהען אויפ׳ן קראנ־קענס געזיכט.

עפּעס האָט זיך אויפ׳ן געזיכט פון׳ם קראנקען אויסגעשפּרייט אזא זאָנדערבארער אָפּדרוק פון אונענדליכען פיין און קאלטע אָפּגעפרעמדקייט, גלייך ווי ער וואָלט פון איי־ביג אָן בעלאנגט צום פינסטער׳ן קבר.

שוין איינינגע מאָהל, ווי עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט אז זיין אויער פערנעמט פון ערגעץ ווייט דעם קומען פון א שלאָפּען אָפּקלאנג פון א טויטען־יאָמער, און אויך דאָס קלאפּען פון צדקה פּושקעס.

שוין איינינגע מאָל ווי ער האָט זיך געזעהען אין א גרויסע מאסע מענשען, וועלכע זיינען נאָכגעגאנגען א מיטה בעדעקט מיט שווארצען געוואנד.

בערנשטיין פלעגט זיך דערביי אַ טרייסעל טהון. ס'פלעגט איהם שוידערען.

נאָך מעהר פון אַלץ האָט בערנשטייגען געוואונדערט דער קראַנקער אַליין, ווי ער איז דאָס מיט אַ מאָהל געוואָרען אזוי ווי אָפּגעריסען פון אַלץ און אַלעמען.

עס פלעגט טרעפען אַז חנה מיט'ן קינד אויף די הענט פלעגט שטעהען לעבען בעט, און דאָס קינד, אַ געזונטעס, אַ פריילינכס, פלעגט ציהען די פולינקע הענטלאַך צו איהם, דערביי צו־וואָרקענדיג: „טיאַטע, טיאַטע". — און ער פלעגט אויף דעם קוקען אזוי שטרענג און הארט, אַזוי ווי אויף פרעמדע וואָס מען זעהט צום ערשטען מאָל. קיין שאָטען פון שוואַכען שמייכעל פלעגט זיך אויף זיינע ליפּען ניט ווייזען, און זיינע אויגען פלעגען קוקען פאר זיך אַזוי איינגעשפּארט און קאַלט, אַז עס האָט זיך אין זיי גע־לייענט עפּעס אַ פערביסענער פאָרוואורף פאר וואָס מען פארשטעלט איהם דעם פרייען וועג צו קוקען גלייך פאר זיך אין דער וועלט אריין.

חנה'ס אויגען פלעגען דערביי ווערען פול פון טרערען.

בערנשטיין האָט אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען חנה'ן אַביסעל צו צושטרייען און ארויסברייגען איהר פון דעם פערצווייפעלטען שווערמוטה.

עס פלעגט טרעפען. אַז דער קראַנקער פלעגט זיך פיהלען לייכטער, אָדער ער פלעגט איינשלאָפען, פלעגט בערנשטיין זיך שפּיעלען מיט'ן קינד און ריידען צו חנה'ן עפּעס אַזעלכע גוטע, וואַרימע טרויסט ווערטער — ווי צו אַ טרייע שוועסטער.

אין אַזעלכע מינוטען פלעגט בערנשטיין האָפען אַז דער קראַנקער וועט געזונט ווערען, און עס וועט אַלץ זיין ווי פריהער, — און אַ געפיהל פון אמת'ע פרייד פלעגט זיין הארצען אָנפילען.

* * *

איינמאָהל אין אבענד האָט אין דרויסען זיך פאַרנאַנדערגעשפּיעלט אַ קאַלטער ווינט. וואָלקענס שנויי האָבען זיך אין דער לופטען, ווי וואַהנזיניגע, געדרייט, — און בערענשטיין, זיך אומקעהרענדיג פון שטעטיל, האָט אָהן אָן אָטעם געאיילט צום קראַנקען.

דער ווינד האָט איהם געבלאָזען גלייך אין פּנים און פארשאָטען איהם מיט גאַנצע הויפענס געריבענעם שניי.

בערענשטיין האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ, אויפגעצויגען די אויגען און מיט פאר־נאַנדערגעפלאַטערטע פּאָלעס, ווי די פליגלען פון אַ פליהענדען פויגעל, האָט ער, אויס־בייגענדיג זיך אויף־פּאָרענט, געשניטען דעם ווינט.

זיין הארץ האָט עפּעס אונהיימליכעס געפיהלט.

— „ניט שוין זשע איז ער געשטאָרבען?" איז איהם ארויף אויפ'ן זינען.

ווי נור ער האָט איבערגעטראָטען דעם שוועל פון פאָרהויז האָט ער דערפיהלט, אז עס איז געשעהען, דאָס וואָס איז געוועזען כמעט ווי אונפערמיידליך.

— געשטאָרבען, געשטאָרבען, — האָט זיין הארץ שווער געקלאפּט.

אין דעם קראַנקען צימער האָט ער פון ווייטען געזעהען, אזוי ווי אין א טומאַן זיך אומדרעהען עפּעס אונבעקאַנטע געזיכטער. אין פאָדערצימער האָט איהם חנה בעגעגענט מיט פאַרוויינטע אויגען. זי האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען.

ווי זי האָט איהם דערזעהען האָט זי פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די הענט און האָט שטיל אָנגעהויבען שלוכצען.

ער האָט איהר אונטערגעהאַלטען.

ער האָט קיין איינציג וואָרט פאַר איהר ניט געהאַט. זיין צונג איז ווי פּאַראַליזירט געוואָרען.

איהר קאָפּ איז אָהנמעכטיג געפאַלען אויף זיין ברוסט. זי האָט מיט א קול פערשטיקט פון טרערען שטיל געוויינט:

— איך קען דאָרטען ניט זיין, איך קען ניט.... אך, ער שטאַרבט....

און זי האָט ווי א בלאַט געציטערט.

בערנשטיין איז געשטאַנען א פערשטיינערטער, ער האָט ניט געוואוסט וואָס אָנהייבען צו טהון. ער האָט חנה'ן פּאַמעלאַך אָפּגעפיהרט צו איהר בעט און האָט איהר אוועקגעזעצט.

חנה האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. זי האָט אויפגעהערט צו וויינען. איהר פּנים האָט אָנגענומען אַן אויסדרוק פון קאַלטע ארויספאָדערונג און נקמה.

אין וויעגעל, לעבען בעט, האָט זיך רוהיג, מיט א פריעדליכען שמייכעל אויף די קינדערשע פּולינקע ליפּען, געשלאָפען דאָס קינד. און זיינע קיילעכדיגע ראָזעווע בעקעלאַך האָבען זיך גערייטעלט.

בערנשטיין האָט א קוק געטהון אויפ'ן קינד און דאָס הארץ האָט איהם אויפגעקוועטשט. זיינע אויגע זיינען פערלאָפען מיט טרערען.

אונבעוואוסטזיניג האָט ער זיך איינגעבויגען איבער'ן וויעגעל און א קוש געטהון דעם קינד אין די פולע ווארימע ליפּען.

— וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? — האָט ער צו זיך אַליין פערצווייפעלט גערעדט און איז אוועק אין צווייטען צימער.

די שכנים, וועלכע די הויז פרוי האָט מיט א געיאָמער צונויפגערופען, זיינען געשטאַנען ארום בעט און האָבען מיט ערנסטע געזיכטער זיך שטיל עפּעס איבערגערעדט און איינע די אַנדערע אזוי ווי פרעגענד אָנגעקוקט. אַן א זייט איז די הויז פרוי גע־

שטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט און האָט זיך געשפּאַרט צווישען צוויי מאַנסביל, אום בעסער צו זעהען דעם שטאַרבענדען. — דערביי האָט זי אַרויסגעלאָזען אַזעלכע הויכע און שווערען זיפצען. אַביסעל ווייטער איז געשטאַנען אַן עלטערע פרוי מיט אַ גע־קעסטעלטע פאַטשיילע אויף די אַקסלען און האָט נאָכאַנאַנד געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און אין דער שטיל געוויינט.

בערנשטיין׳ס קוק איז צו ערשט געפאַלען אויף דער אונבעקאַנטער פרוי, און די גרויסע העלע און שוואַרצע גראַטעס פון איהר פאַטשיילע האָבען אונבעוואוסט זיין אויפמערקזאַמקייט געצויגען.

— פונקט ווי ראַמען פון אַ פענסטער, — האָט זיך איהם אַ קלעהר געטהון, און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געפרעגט:

— וואָס וויינט זי?... וואָס דאַרפען זיי דאָ?...

ער האָט דייטליך געהערט ווי איין איד האָט דעם צווייטען אין דער שטיל גע־פרעגט:

— אויף וואָס איז ער דאָס קראַנק געוועזען?... איך האָב גאָר אין גאַנצען ניט געוואוסט אַז ער איז קראַנק... זעהר אַ שטילער מענש געוועזען...

— „אַ שטילער מענש געוועזען, אָבער איצטער איז ער שוין ניטאָ“, — איז בערנשטיינען דורכגעלאָפען דורכ׳ן קאָפּ.

— און וואָס וועט איצטער טהון די אלמנה? — האָט ער געהערט נאָך איינעם פרעגען.

„די אלמנה, די אלמנה“, — האָט זיך ביי איהם אין קאָפּ עפּעס געטומעלט.

אין צימער איז די לופט געוועזען פערשטיקט. עס האָט געשמעקט מיט רפואות און מיט דעם בעזונדערען ריח, וואָס אַ פולע מענשען טראָגען מיט זיך אַן פון׳ם פייכטען דרויסען.

די אונבעקאַנטע אידען האָבען געמאַכט פּלאַטץ פאַר בערנשטיינען. ער איז צו געגאַנגען צום בעט.

דער שטאַרבענדער איז געלעגען אויפ׳ן רוקען גלייך אויסגעצויגען. דער טויט האָט גענומען, ווי אַ טראָפּען שוואַרצער עסענץ אין אַ גלאָז קלאָרען וואַסער, זיך פּאַ־מעלאַך פאַרנאַנדערשווימען איבער אַלע זיינע גליעדער: די אויגען זיינען געבליבען שטעהען, גלייך ווי זיי וואָלטען אויסגעלאָשען ווערען אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבען עפּעס פאַר זיך שרעקליכעס און משונה׳דיגעס געזעהען. און אין זיי האָט זיך נאָך גע־שפּירט אַ געהיימער מורא׳דיגער געדאַנק, וואָס איז אָבער אין מיט׳ן פערגליווערט גע־וואָרען. די נאָז האָט זיך לאַנג אויסגעצויגען, די ליפּען זיינען געווען בלייך און פער־

טריקענט, די באַקען איינגעפאַלען, דאָס האָר טרוקען און צושויבערט. איין האַנד איז אויפ'ן קאָלדרע פון אויבען געלעגען — ווי אַ פרעמדע.

בערנשטיין האָט אונבעוואוסט אָנגענומען די האַנט. זי איז געווען קאַלט און גליטשיג און האָט שווער געוואויגען.

אַ זאָנדערבאַרער געפיהל האָט איהם בעהערשט : אַ געפיהל פון עקעל פאַר קאַלטע און לעבלאָזע זאַכען.

דער שטאַרבענדער איז געלעגען האַלב פערגליווערט : דאָס לעבען האָט איהם שוין כמעט אין גאַנצען פערלאָזען. ווי דער אָפּשטאַרבענדער גלאָקען קלאַנג, וואָס וויברירט אַלץ שוואַכער און שוואַכער אין דער לופט, אַזוי האָט דער לעצטער פונק לעבען געבומען אויסגעהען און לעשען. די ליפּען האָבען נאָך שוואַך געהויכט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געגאַרט נאָך לופט. די אויגען האָבען זיך אַלץ מעהר פאַרגלעזערט, און האָבען פאַר זיך אונפערשטענדליך און טעמפּ געקוקט, גלייך ווי זיי וואָלט זיין עפּעס שווער צו בעגרייפען, אָדער אַזוי ווי זיי וואָלטען מיט אנגסט וועלען פרעגען :

— וואָס שטעהט עס עפּעס פאַר מיר ?...

בערנשטיין האָט אין די אויגען אריינגעקוקט. עפּעס האָט זייער קאַלטער גלאַנץ זיין קוק ווי מיט אַ מאַגנעט צו זיך געצויגען. עס האָט זיך איהם אין דער רגע אויסגעדוכט אַז דער שטאַרבענדער קוקט גלייך און איינגעשפּאַרט אויף איהם מיט עפּעס אַזא שטומען און גרויזאַמען בליק, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ביי קיין לעבעדיגען ניט געזעהען. — אַ פראָסט איז אַריבער זיין לייב.

בערנשטיין האָט גענומען שלעכט פיהלען.

פאַר זיינע אויגען האָט זיך גענומען וואָס פערציהען, אַזוי ווי אַ געפינטעלטער געוועב. און דער געוועב איז אַלץ געדיכטער און פינסטערער געוואָרען. אין די אויער'ן האָט גענומען זשומען, גלייך ווי אַ בין וואָלט פאַרבייגעפלויגען, די נערווען זיינען געוואָרען לויז, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָפּגעבונדען, אין קאָפּ האָט גערודערט.

עס האָט זיך איהם אַ קלעהר געטהון :

— „ניט שוין איז דאָס דער אָנפאַל, וואָס מיין מוטער האָט פאַר דעם זעהר מורא געהאַט ?

— און וואָס איז מיט מיר ?... איך פיהל זיך טאַקי שלעכט... און ווער איז דאָ קראַנק געווען ?... האָט זיך איהם געפּלאָנטערט.

ער האָט זיך אָנגעהאַלטען מיט'ן האַנט אָן טישעל און פאַמעלאַך זיך אַראָבגעלאָזט אויף אַ שטוהל, איינגראָבענדיג דעם קאָפּ אין די ארימס. עס האָט זיך מיט אַ מאָהל גענומען בעוועגען און טומלען, גלייך ווי טויזענדע מענשען וואָלטען מיט אַמאָהל

אונרוהיג געוואָרען און אָנגעהויבען שאַרען מיט די שטולען און הויך ריידען... ער האָט דייטליך און קלאָר געהערט, ווי אימיצער האָט געזאָגט: „מען דאַרף צולייגען אַ פעדער צום נאָז"... באַלד האָט ער געהערט ווי נאָך אימעצער האָט עפּעס גענומען זאָגען מיט אַן אומעטיגען און אימה'דיגען טאָן, פון וועלכע די אויסלאָז ווערטער: „ברוך דין האמת," זיינען געוועזען אַזוי ווי אויף אַ פּויק אויסגעקלאַפּט: אַזוי רויה און שרעקליך, — און אימעצער האָט הויך געוויינט...

— ווער וויינט דאָס?.. האָט זיך איהם געפרעגט...

באַלד האָט ער דערפיהלט אַז אַ געדיכטע פינסטערניס וויקעלט איהם איין, און אַלץ ווערט אַזוי ווייט און אונבעגרייפליך, און פערלירט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אין אַ טומאַן, וואו עס איז ניטאָ קיין צייט און לעבען...

— ווער האָט דאָס געוויינט? — האָט איהם נאָך אַ בליטץ געטהון אין געדאַנק, און ער האָט מעהר גאָרנישט געפיהלט. — — — — — — — — — — — — — — —

— —

בערנשטיין האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אַרום געקוקט.

— וואָס איז דאָס מיט מיר געוועזען? — האָט ער זיך געפרעגט, און האָט זיך גענומען דערמאָנען.

— ער איז געשטאָרבען, ער איז געשטאָרבען, — האָט זיך איהם אין קאָפּ גע־פּלאָנטערט.

דער טוידטער איז שוין געוועזען אָפּגעהויבען און איבערגעטראָגען אין צווייטען צימער, וואו ער איז אין דער לייגג פון חדר געלעגען מיט אַ ווייסען ליילאַך איבערגעצויגען. צוקאָפּענס האָבען אין מעשענע לייכטער ליכט געברענט. אַן עלטערער איד מיט אַ גרויער צושויבערטער באָרד איז אָן אַ זייט אויף אַ ניעדריגע קלעטצי'ל געזעסען און האָט גלייכ־גילטיג מיט אַ טרוקענעם און לויפענדען טאָן תהילים געזאָגט.

— וואָס איז דאָ געשעהען?.. וואו איז חנה מיט'ן קינד? — איז איהם די ערשטע זאַך אויפ'ן זינען אַרויף.

געלע רינגען האָבען פון זיינע אויגען, ווי אַ געפלאָכטענע קייט, זיך נאָכאַנאַנד גע־נומען ציהען. די פייערלאַך פון די ליכט האָבען זיך פערדאָפּעלט און לאַנג זיך אויסגע־צויגען.

בערנשטיין איז געשטאַנען אַ צוטומעלטער, גלייך ווי ס'וואָלט איהם ניט קלאָר געוועזען וואָס דאָ האָט פּאַסירט. ער האָט מיט די אויגען אימעצען געזוכט.

ער איז אַריין אין צווייטען צימער. דאָרטען איז אויך קיינער ניט געוועזען, ער

איז אריין צוריק און האָט געפרעגט דעם אידען צו ער ווייס ניט וואו די אלמנה מיט'ן קינד זיינען.

דער איד האָט קאַלטבליטיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון תהילים, אויף איהם גלייכגילטיג א קוק געטהון, א שמעק טאַבאַק געטהון און רוהיג, אין דעם טאָן פון תהילים, געזאָגט:

— זי איז ביי יענקעל בעריל דוואָסיע'ס.... זיי האָבען איהר אהין צוגענומען.

און ער האָט ווייטער זיין תהילים געזאָגט ווי פריהער.

בערנשטיינען איז איצטער אַלץ קלאָר געוואָרען, און זיין הארץ האָט זיך אָנגעפילט מיט טיעפען וועהטאָג.

— יע, יע ער איז געשטאָרבען, אָט ליעגט ער... אָבער, קען דאָס זיין?...

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף א שטוהל אַנטקעגען טויטען.

ער איז לאַנג געזעסען און פאַר זיך, אָהן א בעזונדער ציעל, געקוקט, און קיין זאַך ניט געקענט אונטערשיידען פון דער צווייטער. עס האָבען זיינע אויגען געזעהען דעם בר־מנן, די ברענענדיגע ליכט, דעם תהילים זאָגענדען אידען און דעם פאַרדעקטען שפּיגעל, אָבער ער האָט קיין קלאָרען בעגריף ניט געהאט וואָס פאַר א שייכות זיי האָבען איינס מיט דאָס צווייטע... ברענען זיך די ליכט, ליגט אימעצער מיט א ווייסען לייַלאַך איבערגעדעקט, איז דער שפּיעגעל פאַרצויגען — נו איז וואָס?...

גלייך און איינגעשפּאַרט האָבען זיינע אויגען געקוקט אויף דער איינגעבייגענער פיגור פון אַלטען און זיין שאָטען, וואָס האָט זיך אויף דער ערד אין דער קרים געוויעגט.

ער האָט געקוקט און אונבעוואוסטזיניג זיך צוגעהערט צום הייזעריגען און טרוקענעם ניגון, ווי ער האָט זיך נאָכאַנאַנד אין איין טאָן, פון זיין מויל געצויגען.

ער האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער: „טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף“, אָבער ער האָט אין דער מינוט ניט געקענט בעגרייפען, וואָס פאַרא ווערטער דאָס זיינען, און וואָס פאַר א שייכות זיי האָבען צו דעם יעניגען, וואָס ליעגט דאָ אויף דער ערד אויסגעצויגען....

— איז ער געשטאָרבען?....

ניין, עס האָט זיך איהם איצטער ניט געוואָלט גלויבען, אז מענשען קענען גאָר שטאַרבען. עס האָט איצטער אין זיין הארצען געוויהעט א געפיהל פאַר איבערנאַטירליכעס. ער איז אין דער מינוט געוועזען געניינט צו גלויבען אין נסים, גלייך ווי ער האָט אין דעם א מאָהל געגלויבט ווען זיין מוטער איז געשטאָרבען... דער צוזאַמענקניפּ פון די צוויי טויטען און זייער טרויעריגע בעדייטונג, האָט זיך אין דער מינוט פאַר איהם ווי אויפגעשמאָלצען אין איין גרויסען שווארצען שלייער פון וועלכען עס האָבען זיך גע־

צוויגען אַזעלכע שווארצע און משונה׳דיגע קלאַנגען און שטראַהלען. און גלייך ווי ד׳עמאָלט ווען זיין מוטער איז געשטאָרבען, האָט איצטער אויך אַ פונק פון האָפנונג און גלויבען אויפגעגליהט אין זיין הארצען, און ער האָט געגלויבט, אז עס קען דאָך אַ מאָל אַ נס געשעהען, און דער וואָס ליעגט איצטער אויסגעצויגען זאָל לעבעדיג ווערען... אָדער עס קען דאָך אין גאַנצען זיין אז עס איז א חלום נור, אַזאַ חלום פון וועלכען עס ווערט דערצעהלט דאכט זיך ערגעץ אין אַ קינדערשע מעשה׳לע, אז אין אַ צייטדויער פון פינף מינוטען האָט איינער אָפּגעלעבט אַ לעבען פון זיעבציג יאָהר... און עס קען זיין אז דאָס איז אין גאַנצען אַזאַ חלום : עס געהען יאָהרען נאָך יאָהרען, מען ווערט עלטער, דער טויט געוועלטיגט... אָבער אין דער אמת׳ן : ניט די יאָהרען געהען, ניט מען ווערט עלטער, ניט זיין מאַמע איז געשטאָרבען און אויך ניט זיין פרייגד ; און אָט באלד וועט דער שווערער קאשמאר פאַריבער. ער וועט זיך אויפכאַפּען, און ער וועט זיך מיט א מאָל געפינען לעבען זיין הויז אין דעם ליכטיגען און ווארימען דרויסען, וואו די זון לייכט אזוי ליעבליך, שעהן און ווארים.

קיין נסים זיינען אָבער ניט געשעהען. קיינעם האָט זיך ניט גע׳חלומ׳ט. אין דרויסען איז שווארצע נאכט ווי א רויב־פויגעל איבער דר׳ערד געהאנגען, און אַ ווינט א בייזער האָט זיך ווילד פאַרנאַנדער געשפּיעלט. — און אין שטוב האָבען ליכט נאָך אַ טויטען אומעטיג געצאַנקט.

און גלייך אויסגעצויגען, אין דער פאָרמע עהנליך צו אַ עניפטישער אויסגעשניצ־טער האָלץ־פיגור, איז ער, אין וועלכען פריעדליכער לעבען האָט יאָהרען לאנגע געאָטעמט, געלעגען איבערגעצויגען מיט אַ ווייסע ליילאָך, און זיינע אָפּשטעהענדע גלידער האָבען זיך שארף אָבגעצייכענט פון אונטער׳ן לייׁלאָך, און פינסטערע פאַלדען האָבען זיך גע־קנייטשט ארום די איינגראָבונגען. דונקעל און אומעטיג האָבען די געלע פייערלאָך גע־צאַנקט און האָבען שוואַך געבלויכטען די ווייסע פערפאָרענע פענסטער, פון וועלכע עס האָט אַ קעלט געוויהט. שטיל און טרוקען האָט דער אלטער גאַכאַנאַנד זיין תהילים געזאָגט.

אויף דער ערד איז אַ בר־מינן געלעגען.

— ער איז געשטאָרבען, ער איז געשטאָרבען, — האָט בערנשטיין מיט אַ מאָהל קלאָהר פערשטאַנען די אמת׳ע בעדייטונג פון טויט. — און ער האָט זיך שטיל פאנאַנדער געוויינט . . .

* * *

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט זיך בערענשטיין ניט געקענט בעפרייען פון דעם שווערען איינדרוק, וואָס לעווין׳ס טויט האָט אויף איהם געמאכט. עס פלעגען זיך איהם

נאַכט אין נאַכט נאָכאנאנד חלומ׳ען אזעלכע שרעקליכע חלומות. אָפט פלעגט זיך איהם אויפ׳ן וואָהר אויסדוכטען אז אָט זעהט ער פאר זיך דעם פערשטאָרבענעם ווי ער האָט איהם צום לעצטען מאָהל געזעהען. און עפּעס אטעמט און וויהעט פון איהם אזא גרויזאמע הארטקייט און קעלט אז די וואָרצלען פון די האָר הייבען אָן שמערצען.

בעזונדערס פלעגען איהם זיינע פערגלעזערטע אויגען פערפאָלגען. און ווי נור ער פלעגט פארמאכען די אויגען אזוי פלעגען זיך פון דער פינסטער נעמען שיטען נאָכאנאנד, איינע נאָך די אַנדערע, טויזענדע אויגען. און אַלע האבען זיי אזוי שרעקליך געקוקט, און דערמאָנט אָן די שווארצע פלעקען וואָס געפינען זיך אָפט ביי די ווילדע טיגערן.

.3

נאָכדעם איז געקומען פריהלינג.

א זון איבער׳ן בלויען הימעל האָט יעדער טאָג געשפּאציערט א ליעבליכע א ליכטיגע, מיט געטליכען שיין דורכגענומען. דער שניי האָט זיך צושמאָלצען. עס האָט פארשמעקט מיט רויהער פייכטער ערד. די ביימער האבען זיך צולאָזען און גענומען ביסליכווייס גרינען.

פון איין ברעג הימעל ביז׳ן צווייטען האָט זיך אין דער לופט געצויגען א שמעקעדיגער און ווארימער אטעמצוג, גלייך ווי די געטער וואָלטען דורך דער וועלט זייער אטעם געלאָזען.

און וועמען דער אטעם, געהויכט פון די געטער, האָט געטראָפען, האָט זיך יענעמס הארץ מיט א געפיהל פון ליעבע און ערוואכען אָנגעפילט.

בערנשטיין האָט דערפיהלט אַז פריהלינג איז אין׳ם לאנד. און ער האָט זיך פארביינקט.

ער האָט אליין ניט געוואוסט וואָס פון פריהלינג צו ערווארטען; ער האָט זיך פארשיידענע געפיהלט: עס פלעגט טרעפען אז אלץ פלעגט פאר זיינע אויגען טאנצען איהר א געפיהל פון ליעבע פאר לייב.

מיט אמת׳ער לוסט און פרייד, און זיין הארץ פלעגט פון פארשיידענע פערלאנגען און שטורמישע געפיהלען ברויזען. און עס פלעגט אויך טרעפען, אז וואָס העלער די זון האָט ער זיך שטענדיג אויסגעהיט ארויפצוברייגען אויפ׳ן גדאנק אזעלכע רעיונות, כען ביינקענדען טרויער זיין גייסט געדריקט.

הנה מיט׳ן קינד האָבען ווי פריהער געוואָהנט אין זעלבען הויז אין עק שטאָדט. די ערשטע צייט נאָכ׳ן מאנס טוידט איז חנה אָפּגעלעגען א פּאָר וואָכען צום בעט. דער טרויער האָט פון׳ם געזיכט ביסליכווייס גענומען פערשווינדען.

די לײדיגע צײט האָט בערנשטײן װי פריהער פערבראַכט דאָרט אין הויז. אָבער שטענדיג האָט אַזוי װי אַ משא געפּרעסט זײן ברוסט און איהם געלאָזט פיהלען, אַז עפּעס איז געשעהן, און אימיצער פעהלט אין הויז. און דער וואָס פעהלט פערשאַפט איהם אַזוי פיעל גײסטיגען אונרוה, און רויבט צײטען־װײס דעם שלאָף פון זײנע אויגען.

װי פריהער איז ער געװעזען צוריקגעהאַלטען און שעהמעװדיג, און װי פריהער האָט ער זיך שטענדיג אויסגעהיט אַרויפצוברײנגען אויפ'ן געדאַנק אַזעלכע רעיונות, וועלכע וואָלטען געקענט, האָטש אויף אײן װײלע, אַרײנטראָגען אין זײנע געפיהלען צו איהר אַ געפיהל פון ליעבע פאַר ליוב.

בײדע האָבען אָפט גלײך געפיהלט, אַז אין געװיסע מאָמענטען װערען זײ בײדע גלײך בעזוכט פון אײן און דעם זעלבען געדאַנק װעגען פערשטאָרבענעם. און בײדע האָבען זיך אײנע די אַנדערע פיעל בעדײטענד אָנגעקוקט און געשװיגען, קײנער פון זײ האָט דער ערשטער ניט געװאָלט דערמאָהנען דעם יעניגען, װוס איז פאַר'ן לעבען אויף אײביג פערלאָרען.

בערנשטײן האָט חנה'ן װוס אַ טאָג אַלץ מעהר ליעב געקראָגען.

די ליעבע זײנע איז געװען אַ רײנע, אַ הערצזיכטיגע, װי די לופט פון אַ זומער פריהמאָרגען. און זי האָט אָנגעפילט זײן װעזען מיט אַ שטילער און רוהיגער פאַר־טראַכטקײט.

אין דער זעלביגער צײט האָט ער אָבער זעהר אָפט געטראַכט פון טױט : גע־טראַכט מיט די זעלבע רוהיגקײט, װי ער האָט געטראַכט פון זײן ליעבע. דער טױט האָט זיך איהם צײטען־װײס פאָרגעשטעלט װי אַ גרױסע װיכטיגע פּאַסירונג, װי אַ גרױסער איבערגאַנג פון בעװאוסטען צום אונבעװאוסטען, — און פיליכט נאָך אַפּיסעל העכער : — דער װעג צו דער אײביגקײט.

בײ זיך אין צימער, בײ נאַכט אויפ'ן געלעגער, װען זײנע אויגען פלעגען אָהן אַ ציעל שטאַר קוקען אין דער פינסטער, פלעגען רינגען זיך נאָך רינגען זיך פאַר זײ קײק־לען, און פײערדיגע פינטלאַך פלעגען אָהן אַן אויפהער שװעבען. און פון דעם רינגען־און פינטלאַך־שפּיעל פלעגט אָפט אַרױסװאַקסען דעם פערשטאָרבענעמ'ס געזיכט און צװײ גלעזערנע אויגען מיט אַ טעמפּען קוק און גלאַנץ פלעגען פאַר איהם בלײבען הענגען אין דער לופטען.

בערנשטײן פלעגט פאַרמאַכען די אויגען, — אָבער אויך דאָרטען זײנען זײ!...

— וואָס װילען די אויגען פון מיר האָבען ? פלעגט זיך איהם אָהן זײן װיסען פרעגען.

ער האָט זיך אָנגעהויבען פאַר וואָס צו שרעקען, און האָט געקראָגען אַ געפיהל,

גלייך עפּעס וואָס וואָלט ארומגעשוועבט הינטער זיין רוקען. צייטען־וויים פלעגט די מורא אזוי וויים דערגעהען, אז ער פלעגט זיך שרעקען, אומצוקוקען אויף הינטער, טאָמער דערזעהט ער ווירקליך פאר זיך עפּעס אזא שרעקליכע ערשיינונג, וואָס קען מאַכען דאָס בלוט פערגליווערען. גאַנצע שעה'ן פלעגט ער אָפּזיטצען אזוי ווי צוגעשמידט צו איין אָרט און קוקען און קוקען...

— יע, איך מוז זיין קראַנק, — פלעגט ער דערנאָך צו זיך אַליין ריידען.

*   *   *

אין דרויסען האָבען די בוימער געבליהט. די זון איז פערגאַנגען.

בערנשטיין איז געגאַנגען צו חנה'ן. דער שעהנער פּאַוואָער פּאַרנאַכט און די שמעקעדיגע לופט האָבען איהם דערפרישט. ער האָט זיך פול מוטה און האָפנונג געפיהלט; און געהענדיג אזוי האָט ער געקוקט אויף די הויכע טורעמס פון דעם אַלטען פירשטליכען איינגעפאַלענעם שלאָס, וואָס האָט זיך פון הינטער דער אַלט־ליטווישען שטעטיל אויפ'ן בלייכען האָריזאָנט שאַרף אויסגעצייכענט.

די טורעמס האָבען געברענט. דאָס רויטע ליכט פון דער פערגעהענדער זון איז אין גאַנצען געפאַלען אויף די מעכטיגע שפּיצען, און האָט זיי ווי ליכט אָנגעצונדען : — פייער מעכטיגע ריעזען האָבען ווי ליכט געפלאַמט. אנטקעגען האָט דער הימעל געברענט.

בערנשטיין האָט געקוקט אויף די טורעמס און געטראַכט ווי אזוי ער זאָל איינמאָל פאר אַלע מאָהל חנה'ן דערצעהלען אז ער ליעבט איהר :

— פאַר וואָס זאָל איך איהר אָפען ניט ערקלעהרען ? — האָט ער מוטיג אין הארצען מיט זיך אַליין גערעדט. און באַלד איז איהם איינגעפאַלען אז דער מיטעלסטער טורעם שטעהט ניט גלייך, און ער איז אָן א זייט אויסגעבויגען און קען באַלד איינפאַלען.

— א שאָד, א שאָד, — האָט ער צו זיך גערעדט, און עס האָט איהם אזוי ווי פערדראָסען. נאָכדעם האָט ער ווייטער געטראַכט פון חנה'ן, און ס'איז איהם אויפ'ן געדאַנק ארויף דער פערשטאָרבענער, און ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט אז ער זעהט איהם שטעהענדיג אין איינער פון די שווארצע לעכער פון דעם מיטעלסטען טורעם.

— אך בין איך א נאַר, — האָט ער הויך צו זיך געזאָגט, און האָט אָפּגעווענדט זיין בליק פון די טורעמס....

ער האָט חנה'ן געטראָפען מיט'ן קינד אויפ'ן האַנד שטעהענדיג פאַר'ן הויז. אָנגעטהון איז זי געוועזען זומערדיג און מיט א בעזונדער געשמאַק. איהרע שעהנע אויגען האָבען פריי פאר זיך געקוקט און די ליפּען זיינען געוועזען האַלב אָפען.

חנה האָט איהם צופרידען בעגעגענט, און איהרע אויגען האָבען אַזוי ווי גע־רעדט :

— גוט וואָס דו ביסט געקומען, איך האָב דיר וואָס וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

זיי זיינען אריין אין הויז.

שפעטער אביסעל האָט חנה, קוקענדיג גלייך בערנשטיינען אין די אויגען, כמעט ווי רוהיג א זאָג געטהון :

— איהר ווייסט, בערנשטיין ? — איך פאָהר אוועק...

בערנשטיינען איז דאָס הארץ איינגעפאַלען. ער איז געבליבען שטעהן ווי א צוטומעלטער.

— יע, איהר פאָהרט ? — האָט ער נור געקענט ארויסריידען.

— איך האָב ערהאַלטען א בריעף פון ברודער, — האָט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם דערצעהלט, — ער שרייבט, איך זאָל צו איהם אריבערפאָהרען.

און חנה האָט אויף איהם געקוקט און געהיט אלע זיינע געזיכטס בעוועגונגען.

— יע, דאָס איז ניט קיין שלעכטער פּלאַן, — האָט בערנשטיין ווי צו זיך גערעדט,— און וואָס דענקט איהר?...

חנה האָט זיך פערטראַכט.

— איך דענק צו פאָהרען, — האָט זי דערנאָך געזאָגט און איהר געזיכט האָט זיך ווי מיט א פינסטערע כמאַרע פערצויגען.

בערנשטיין האָט געשוויגען. ער האָט א כאַפּ געטהון דעם קינד, וואָס איז פריילין מיט זיינע קליינע טריטעלעך ארומגעלאָפען איבער'ן הויז און האָט איהם אנידערגעזעצט צו זיך אויף די קניע און האָט איהם צערטליך גענומען גלעטען איבער'ן ברוינעם קעפּיל.

דאָס קינד איז צו איהם געקראָכען אויפ'ן קארק, אריינגעפאָהרען מיט די קליינע הענטעלאך אין זיינע האָר, דערביי האָט עס פריילין געשעפּטשעט און געוואָרקעט ווי א טויב.

חנה האָט געקוקט אויף דאָס בילד, און איהר געזיכט איז אויף א מאָמענט פינסטער געוואָרען. דערנאָך האָט זי געזאָגט :

— עס איז היינט זעהר שעהן אין דרויסען... איך וועל דעם קינד לייגען שלאָפען, און מיר וועלען ארויסגעהן פאר'ן שטוב...

בערנשטיין האָט איינגעשטימט.

ווען דאָס קינד איז אנשלאָפען געוואָרען, זיינען זיי ארויס פאר'ן הויז און זיך געזעצט אויפ'ן באַנק.

די זון איז שוין אין גאַנצען פערגאַנגען, פערשלונגען געוואָרען אין דער נאַכטליניע פון'ם בלייכען פורפור, — עס האָט זיך די דונקעלהייט אַלץ געדיכטער געוועבט.

פאַר'ן הויז האָבען געבליהט קאַרשען־און עפּעלבוימער, און דער אַנגענעהמער ריח פון בעז־בליהונג האָט אַנגעפילט די לופט. די בוימער זיינען אַלע אין ווייסען געשטאַנען, ווי פון שניי בעשאָטען. די טונקעלע לאַנקע, איבערגעשניטען פון'ם קלאָרען טייך, האָט זיך וווייט פאַנאַנדערגעוויקעלט און דערגרייכט דעם ברעג הימעל, און ווי מיט א שוואַרצער ליניע איבערגעשניטען דעם פיינעם באָרדאָקאָליר פון האָריזאָנט.

זיי האָבען געשוויגען.

בערנשטיין האָט מיט לוסט אין זיך איינגעאָטעמט די געשמאַקע מאַיאָווע ריחות און האָט געדאַנקענלאָז געקוקט אויף דער ווייטער ליניע פון האָריזאָנט. שטילער און ווייכער טרויער האָט זיך אין זיין האַרצען געוועבט, טיעפע בענקשאַפט האָט זיין נשמה גענאַגט. ס'האָט זיך איהם געפיהלט, אז עפּעס טייערעס געהט פון איהם אוועק, — און פערשווינדט.

אין דרויסען איז געוואָרען די לופט אַלץ טונקעל־גרויער ; פון ווייטען הימעל האָט זיך דער שלייער פון דער נאַכט, ווי כוואַליעס פון'ם ים, גענומען קנייטשען אַלץ געדיכטער און געדיכטער. די ערשטע שטערען האָבען א בלאַנק געטהון.

בערנשטיין איז געוואָרען בעוועגט.

— „איך ליעב דיר", — האָט שטיל זיין האַרץ גערעדט און זיינע ליפּען האָבען זיך ניט בעוועגט.

עס האָט אַן אינווענייגסטער פערלאַנג זיין האַרץ געריסען. עס האָט א שטאַרקער ליעבעס־וועהטאָג זיין נשמה טיעף בעוועגט. — אַלץ וואָס אין איהם האָט זיך צו איהר ווי א שטראָם געצויגען.

— אַך, ווי עס ליעבט דיר מיין נשמה, — האָט אין זיין האַרצען א קול גערעדט.

חנה האָט שטיל און פערטרוילין, אין א אומעדיגען טאָן, אַנגעהויבען :

— זעהר פיעל האָב איך דאָ איבערגעלעבט, אין דער קליין שטעדטיל... א גרויסער חלק פון מיין לעבען ליעגט דאָ...

זי איז געבליבען אין מיטען. עס איז איהר געווען שווער צו ריידען אין דעם טאָן.

בערנשטיין איז געזעסען אונבעוועגליך. עס האָט איהר ווייכער קול אין זיינע אויערן ווי פליטען־קלאַנג געקלונגען. און ס'האָט זיך איהם געפיהלט ווי אויף פאַר איהם ליעגט דאָ אין שטומען טרויען אַלץ בעגראָבען. און זיין לעבען פליעסט אָהן א בעזונדער פרישקייט און גלאַנץ...

— יע, יע, אזוי איז דאָס שוין, — האָט ער צוגעשטימט.

חנה האָט ווייטער גערעדט :

— אך, מיין גאָט! וויפיעל איך האָב איבערגעלעבט פאר דער לעצטער צייט.. אך, וויפיעל!...

בערנשטיין האָט געפיהלט אז ער דאַרף וואָס זאָגען. נור וואָס זאָגט מען?... ער וועט דאָך מוזען ווערען סענטימענטאל, אָבער, אך ווי שווער פאר איהם איז דאָס!

ער האָט א טראכט געטהון און געזאָגט:

— וואָס איז דער וואונדער?... ס'איז שוין פון שטענדיג אזוי: אייביג בעגראָבען מיר, און קיינמאָל גראָבען מיר צוריק ניט אויס... א שלעכטע פעלד...

ער האָט געוואָלט זאָגען „א שלעכטע פעלד איז דאָס לעבען", אָבער ער האָט זיך אין מיטען פערכאַפּט, און ער האָט געפיהלט אז דאָס וואָס ער האָט איצטער ארויסגעזאָגט איז געוועזען נאַריש און סענטימענטאל, — און ער האָט זיך געשעהמט. א גרופּע פליעגעלאך איז איהם דורכגעקראָכען איבער'ן נאַקען.

חנה האָט אָנגעהויבען מיט א פרייליכער'ן טאָן:

— בערנשטיין, איהר זייט פאר מיר א רעטעניש, איך קען אייך צייטענוייז ניט פערשטעהן... א מאָדנער מענש זייט איהר...

און זי האָט געשמייכעלט.

— איך וויים אליין אויך ניט, — האָט זיך בערנשטיין ווי פערענטפערט. — יע, אָט אזא בין איך...

זיי האָבען געשוויגען.

ארום זיי האָט דער מאַיאָווער אבענד שטיל זיך אויסגעשפּרייט: ס'האָבען געבליהט די עפּעל־און קאַרשען־בוימער. און עס האָט דער שטילער אבענד דעם דונקעל־בלויען הימ־מעל, ווי א נאַכט־חופּה, רייך מיט בריליאַנטען בעשאָטען. ס'האָט די לופט געשמעקט מיט דעם ריח פון בעז און קאַרשען־בליהונג.

חנה האָט די ערשטע אין א פרייליכען טאָן אָנגעהויבען. זי האָט זיך דערמאָנט:

— איך וויים ניט פאר וואָס, אָבער גראָד איצטער איז מיר אויפ'ן געדאַנק ארויף אזא מאַיאָווער אבענד... דאָס וועט שוין זיין לאַנג! איך בין דעמאָלט א יונג קינד געווען.. און איך דערמאָן מיך ווי איך און נך קינדער האָבען זיך אין דרויסען געשפּיעלט אין באַהעלטעניש: — א נאאיווע קינדערשפּיעל... איך וויים ניט, אָבער איך האָב דעמאָלט עפּעס מיט א מאָל דערפיהלט אין מיר נאָך א לעבען... עפּעס איז דעמאָלט אין דער לופט געלעגען אזעלכעס, וואָס האָט מיר ווי בערוישט, ווי פער'שיכור'ט... אך, וואָס איך האָב דעמאָלט דערפיהלט!... דעמאָלט, געדענק איך, איז געווען ליכטיג, עס האָט די לבנה גע־שיינט; עס איז געוועזען א ווייסע נאַכט. — און היינט...

זי איז מיט אמאָל געבליבען שטיל.

בערנשטיין האָט צוגעהערט וואָס זי האָט גערעדט, און האָט פון וואָס אנדערש גע־טראכט.

ער האָט געפיהלט ווי זי דערנעהנטערט זיך צו איהם, און אָט ריהרט אָן איהר ווייכער אָרים אָן זיינעם. אַ אנגענעהמע ווארימקייט האָט זיך צופלאָסען איבער זיין לייב, און דאָס הארץ האָט העפטיג געשלאָגען.

און פאר וואָס ניט איהר ארומנעהמען, און דריקען איהר צום הארצען און זאָגען איהר אז ער ליעבט איהר זעהר שטארק?... פאר וואָס זאָל דאָס אָרימע וואָכעדיגע לעבען איינמאָל ניט דערפיהלען די אונענדליכע פרייד פון דער ערד?...

עס האָט פון אַנגענעהמער אויפרעגונג זיין הארץ געציטערט.

ס'איז פאר איהם די מאַיאָווע נאכט אין שטילען פראכט געלעגען: גליק און פריעדען האָט דער ווארימער ווינטעל מיט זיך געבראכט פון ערגעץ ווייטע לענדער, וואו אייביג שיינט די זון און עס איז קיין ווינטער און קיין נאכט ניטאָ. ס'האָט די בריטע הימעל־פעלד געאָטעמט מיט אייביגער יוגענד און פרישקייט, — און ס'האָט די שטומע קאלטע ערד אַ ליעד געפלאָכטען.

און פאר וואָס איהר ניט ארומנעהמען און דריקען איהר צום הארצען און זאָגען איהר אז ער ליעבט זי שטארקער פון דער פריהלינג־נאכט, שטארקער פון דער נאכטליעד, שטאר־קער פון זיין לעבען?... פאר וואָס ניט?...

בערנשטיין איז געוועזען ווי פערגליווערט, און ער האָט געפיהלט גלייך ווי שמעקע־דיגער ווייראך־רויך וואָלט איהם פארשלינגען, גלייך ווי טויזענדע איידעלע ריחות וואָלטען זיין זינען פערנעבעלט. ער האָט אזוי ווי פערלאָרען דעם מינדעסטען בעגריף פון צייט און רוים. און עס האָט זיך איהם געדוכט אז אלץ גיסט זיך און בעהעפט זיך צוזאמען אין איין גרויסען הארמאָניען־שפיעל פון רעגונגען און געפיהלען, — און אלץ פליעסט עפעס אין בלויען קאָליר...

דאָס זיינען פאר איהם געוועזען מאָמענטען פון ריינער נאָכדאכטונג : ווען די נשמה און אלע געפיהלען דערגרייכען דעם העכסטען פונקט פון גלייכגעוויכט. אָבער אָט האָט זיך וואָס אַ ריהר געטהון און די גלייכגעוויכט צושטערט.

חנה האָט געזאָגט :

— עס מוז שוין זיין ניט פריה, דאָס קינד קען זיך אויפכאפען.

בערנשטיין האָט אַ ציטער געטהון מיט'ן גאנצען לייב.

ווידער האָט ער געפיהלט אז זיין הארץ ברויזט מיט אַ געפיהל פון וועהטאָגדיגער ליעבע, ווידער האָבען זיינע הענט דערפיהלט אַ נערוועזען צוקען און פערלאנג איהר

אַרומצונעהמען און פיהלען די ווייכקייט און וואַרימקייט פון איהר לייב... ווידער האָבען זיך אויף זיינע ליפען געדרייט די ווערטער:

— איך ליעב דיר מעהר ווי מיין לעבען...

ער האָט אויפגעקליבען זיין גאַנצען מוטה און האָט זיך צוגעגרייט אַלץ איהר ערקלעהרען. — זעהר האָט זיין האַרץ געוועהטאָגט...

נור זיינע ליפען זיינען אָפען געבליבען, די ווערטער זיינען פערגליווערט געוואָרען.

פון דער נאַכט'ס הונקעלהייט זיינען צוויי אויגען פלוצלונג אַרויסגעוואַקסען, און געבליעבען פאַר איהם אין דער לופטען הענגען. און געדוכט האָט זיך איהם אַז זיי קוקען אויף איהם מיט אַזאַ מאָדנעם קוק גלייך ווי זיי וואָלטען געפרעגט:

— וואָס האָסטו נור וואָס געוואָלט זאָגען?

ער האָט מעהר גאָרנישט געקענט זאָגען...

* * *

בערנשטיין איז געגאַנגען און ער האָט ניט געוואוסט וואוהין ער געהט.

אַ געפיהל פון מורא האָט איהם געפייניגט, זיינע נערווען זיינען געווען אָנגעצויגען, און ס'האָט זיך איהם נאָך אַלץ געדוכט אַז צוויי אויגען קוקען אָהן אָן אויפהער אויף איהם און עפּעס אַ שאָטען געהט איהם נאָך און ער האָט געהאַט אַזאַ סאָרט געפיהל, גלייך ווי איטעצער וואָלט איהם עפּעס אין אויער אַריינגערוימט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט.

געגאַנגען איז ער ניט אַהיים. ער האָט דאָס געוואוסט. צופיעל האָט זיין האַרץ און נשמה געוועהטאָגט. ער איז געוועזען נערוועז און צורייצט.

ביי זיך אין האַרצען האָט ער מיט אַמאָל דערפיהלט אַ שרעקליכען גראָטעסקען געפיהל, און ער האָט אויך גלייך געטראַכט ווי צו בעפרייען זיך פון די אַלע לאַסטענדע און שרעקליכע געפיהלען... ער האָט געפיהלט אין געדאַנק אַז צווישען איהם און איהר שטעהט אַן אונזיכטבאַרע מחיצה... צוויי אויגען פערפאָלגען איהם...

ער איז געבליבען אין מיטען וועג שטעהן און האָט צו זיך געשמייכעלט:

— אַך, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין, ווי איך גלויב דאָס אין אַלץ!...

עס איז איהם אין מוח אויף דער מינוט קלאָהר געוואָרען, אַז זיין גאַנצע מורא איז נור אַן אָנגעוויהעטע... וואָרים אין דער אמת'ן פאַר וועמען און פאַר וואָס האָט ער זיך צו שרעקען?...

— אַלץ איז נאַריש און קאָמיש, — האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער איז איצטער געגאַנגען איבער'ן טראָקט.

פון ביידע זייטען טראָקט זיינען הויכע און פאַנאַנדערגעלאָזטע בוימער געדיכט גע־

וואַקסען, און זיי האָבען זיך ווי צוויי וועגט פוןביידע זייטען געצויגען. נאַכט־דונקעלהייט האָט מיט דינע זיידענע פעדים אַ נעטץ ארומגעוועבט און האָט זיך אויפגעגאָסען מיט די אייזענפאַרביגע סילועטען פון די בוימער. טונקעלע הימעל פון אונבעשטימטען פאַרב האָט זיך איבער דער ערד גראַציעז געוועלבט. פונקעלנדע ווייסינקע שטערענדלעך, געדיכט בעשאָטען, האָבען ווי מיט זילבער פעדים בערשיעדענע אראַבעסקען און קווייטען, נאָכ־לעסיג דעם טונקעלען אַטלעס פון הימעל פאַרוועבט. עס האָט די טונקעלע לופט געאָטעמט מיט פייכטע פעלד־ריחות. און די נאַכט, ווי אַ פערליעבטע, איז געלעגען אין מיעדער רוהיגקייט פערזונקען, און האָט האַלב דרעמלענדיג גע'חלום'ט פון אייביגען גליק און ליעבע...

בערנשטיין האָט זיך ארומגעקוקט : טיעפע נאַכט האָט זיך ארום איהם געוועבט.

אין דעם אָטעם־צוג פון דער נאַכט האָט בערנשטיין געשפירט אַזעלכעס, וואָס האָט איהם אין דער מינוט אַ שאַרפען נאָגענדען וועהטאָג אין דער נשמה און אין האַרצען אריינגעבויערט. עס איז איהם געוואָרען קלאָהר דאָס געפיהל פון פערלאָרענער ליעבע און פוסט און וויסט איז פאַר איהם אַלץ מיט אַמאָל געוואָרען.

ער האָט צו זיך גערעדט :

— זי וועט אוועקפאָהרען, — און וואָס וועל איך טהון ?

דער וועהטאָג איז אין זיין האַרצען געוואַקסען, און האָט איהם די האַלז געשטיקט. — ער האָט אין דער מינוט געפיהלט ווי צו וויינען.

— צו וועמען וועל איך איצטער יעדען אבענד געהן ? — האָט ער זיך געפרעגט.

ער איז געגאַנגען אהיים, און דאָס געפיהל פון עלענד און איינזאַמקייט האָט איהם נאָך שטאַרקער גענומען קוועלען :

פאַר איהם האָט זיך אין גרויען ליכט זיין לעבען געבאָרען. ער האָט געזעהען זיין קליין צימעריל מיט דער ניט פאַרבעטער בעט. ער האָט קלאָר פאַר זיך געזעהען די וואָכע־דיגע און שלעפערדיגע טעג אָהן אַ שטראַהל פון זונענשיין. שטענדיג טהון דאָס זעלביגע : ארויסגעהן פון איין הויז, וואו אלץ איז, ביז דער לעצטער קלייניגקייט, אזוי בעקאַנט, און אריינגעהן אין אַ צווייטער, וואָס איז ניט בעסער פון דער ערשטער.. שטענדיג טהון דאָס זעלביגע : אויסטהון די היטעל, אָנציהען אַ מינע פון ווירדע און גלייך נעהמען זיך פאַר די טרוקענע לעהרביכלאַך און שרייבהעפטען, — אַך, אַך, ווי אומעדיג עס איז !...

זיין נשמה האָט פאַר גייסטיגען וועהטאָג געבראָכען...

זיין האַרץ האָט פון ליעבעס וועהטאָג זיך צעריסען...

— איך בין אַ נאַר, אַ גולם ! — האָט ער מיט אַמאָל הויך אויסגערופען און האָט גיכער גענומען געהן...